ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# בבא קמא

בלשון הקודש
ואידיש

**220**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת בבא קמא

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת בבא קמא

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

(דף ב ע"ב) **א ת"ר** (שמות כא) כי יגח אין נגיחה אלא בקרן שנאמר (מ"א כב) ויעש לו צדקיה בן כנענה קרני ברזל ויאמר כה אמר ה' באלה תנגח את ארם וגו' ואומר (דברים לג) בכור שורו הדר לו וקרני ראם קרניו [בהם עמים ינגח] מאי ואומר וכ"ת דברי תורה מדברי קבלה לא ילפינן ת"ש בכור שורו הדר לו:

**ב ותולדה** דקרן מאי היא נגיפה וכו' מאי שנא נגיחה דקרי ליה אב דכתיב כי יגח נגיפה נמי כתיב כי יגוף האי נגיפה נגיחה הוא דתניא] פתח בנגיפה וסיים בנגיחה לומר לך זוהי נגיחה זוהי נגיפה מ"ש גבי אדם דכתיב כי יגח ומ"ש גבי בהמה דכתיב כי יגוף אדם דאית ליה מזלא כתיב כי יגח בהמה דלית לה מזלא כתיב כי יגוף:

(דף ג ע"ב) **ג ארבעה** אבות נזיקן השור והבור והמבעה וההבער וכו'. מאי מבעה רב אמר

פתח בנגיפה. כי יגוף שור איש את שור רעהו: וסיים בנגיחה או נודע כי שור נגח הוא ולא כתיב כי שור נגף הוא אלא שור נגח: לומר לך. דהך נגיפה לאו דחיפה הגוף אלא נגיחת קרן וליכא למימר דאכתי נגיפה הוי [אב] ונגיחה זוהי נגיפה דהיינו דחיפת הגוף דהא נגיחה אשכחן דבקרן היא: גבי אדם. כשהשור נגח אדם כתיב כי יגח שור את איש וגבי נגיחת שור בשור כתיב כי יגוף שור איש את שור רעהו: אדם דאית ליה מזלא. שיש לו דעת לשמור את גופו: כתיב כי יגח. דודאי כשהכוון השור להרע ובא עליו בכח אבל נגיפה הוי משמע במקומו עומד ודחפו בקרניו ל"נ אית ליה מזלא וא"מ נוח להמיתו בנגיפה דהוא (נגיפה) [דחיפה] קרן מעט אלא בנגיחה בכח ובכוונה וכתחיבת קרן בגוף:

אמר

---

**א** תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק כי יגח: אז ער וועט שטויסן. וואו עס שטייט דער ווארט יגח מיינט מען ער וועט שטויסן מיט דיא הערנער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צדקיה בן כנענה האט געמאכט אייזערנע הערנער אונ ער האט געזאגט אזוי האט גאט געזאגט באלה תנגח את ארם. מיט דיא הערנער וועסטו שטויסן דיא מענטשין פון ארם. נאך שטייט אין פסוק בכור שורו הדר לו וקרני ראם קרניו. זיינע הערנער זענען אזוי וויא דיא הערנער פון אוויזיל. בהם עמים ינגח. מיט זייא וועט ער שטויסן די פעלקער. פרעגט דיא גמרא צו וואס ברייננגט מען דעם אנדערן פסוק. נאר טאמער וועסטו זאגן אז תורה פון נביאים לערנען מיר ניט אפ דער פסוק כי יגח שטייט אין דיא תורה. אונ דער פסוק קרני ברזל שטייט אין נביאים. דריבער ברייננגט דיא גמרא דעם אנדערן פסוק בכור שורו הדר לו וואס ער שטייט אין דיא תורה:

**ב** תולדה. וועלכער שאדין איז גלייך צוא דעם שאדין וואס דער אקס טוהט מיט דיא הערנער. דאס איז נגיפה. אז דער אקס טוהט אשטויס מיט זיין גוף. פרעגט דיא גמרא פאר וואס נגיחה אז דער אקס שטויסט מיט זיינע הערנער רופט מען דאס אב אפאטער. ווייל עס שטייט אין דיא תורה כי יגח. אז דער אקס וועט שטויסן מיט דיא הערנער. נגיפה אז דער אקס שטויסט מיט זיין גוף שטייט דאך אויך אין דיא תורה כי יגוף. ענטפערט דיא גמרא דער ווארט כי יגוף מיינט מען ניט ער וועט שטויסן מיט דעם גוף. נאר מען מיינט דאס זעלביגע וואס כי יגח. אז ער וועט שטויסן מיט דיא הערנער. ווארום מיר האבען געלערנט דער פסוק הייבט אן מיט נגיפה. כי יגוף. אונ ער לאזט אוים מיט נגיחה. שור נגח. צו זאגן דיר אז נגיחה מיט נגיפה איז איינס. אזוי וויא נגח מיינט מען ער האט געשטויסן מיט דיא הערנער. אזוי כי יגוף מיינט מען אויך ער וועט שטויסן מיט דיא הערנער: פרעגט דיא גמרא פאר וואס אז אאקס שטויסט אמענטשין רופט מען דאס נגיחה. אונ אז אאקס שטויסט אבהמה רופט מען דאס נגיפה. ענטפערט דיא גמרא ווייל אמענטש האט אמזל דריבער גיט אזוי גרינג אונ ניט אזוי געשווינד קען אאקס הרגנן אמענטשין. דריבער שטייט כי יגח. דער אקס האט געשטויסן דעם מענטש מיט זיין גאנצין כח ביז ער האט אים געקענט הרגנן. אבער אבהמה האט דאך ניט קיין מזל. דריבער שטייט כי יגוף. ווייל איין בהמה הרגת דיא אנדערע בהמה גאנץ גרינג נאר מיט איין שטויס:

**ג** ארבעה. פיר ערליי שאדינס שטייט אין דיא תורה. איינס אז אאקס טוהט אשאדין

אמר מבעה זה אדם ושמואל אמר מבעה זה השן רב אמר מבעה זה אדם דכתיב (ישעיה כא) אמר שומר אתא בקר וגם לילה אם תבעיון בעיו ושמואל אמר מבעה זה השן דכתיב (עובדיה א) איך נחפשו עשו נבעו מצפוניו מאי משמע כדמתרגם רב יוסף איכדין איתבליש עשו אתגליין כטמרוהי:

(דף ט ע"ב) **ד** א"ר אסי א"ר זירא א"ר הונא במצוה עד שליש מאי שליש אילימא שליש ביתו אלא מעתה אי אתרמי ליה תלתא מצותא ליתיב לכוליה ביתיה אלא א"ר זירא בהידור מצוה עד שליש במצוה. בעי רב אשי שליש מלגיו או שליש מלבר

**פירוש**

שומר אומר. הקב"ה: אתא בוקר. גאולה לצדיקים: וגם לילה. חושך לרשעים: אם תבעיון. אם תבקשו בתשובה ותבקשו מהולה: בעיו. אלמא באדם כתיב בעיו: איגליין. תרגומו של נבעו אלמא לשון גילוי מילתא: אמר מבעה זה השן דמבעה ל' מגולה הוא דזימנין שפעמים מגולה ופעמים מכוסה:

שליש ביתו. שהיה אדם נכון במצות לולב או ציצית או ס"ת שלא יהא יותר מכאן: בהידור מצוה עד שליש במצוה. אם מוצא ב' ס"ת לקנות אחד הדור מחבירו יוסיף שליש בדמים ויקח את ההדור דהכי אמרינן זה אלי ואנוהו התנאה לפניו במצות עשה לך ס"ת נאה לולב נאה ציצית נאה: מלגיו. כגון אם הקטן נמכר בשש יוסיף ב' דינרים דהיינו שליש מלגיו שליש מתוך הדמים ויקח את ההדור: או שליש מלבר. הדמים יחלוק לג' ויוסיף חלק ג' משלו

---

מיט זיינע פיס גייענדיג. דאס אנדערע. אז איינער האט גיגראבין אגרוב. אונ אין גרוב איז אריין גיפאלין אבהמה אונ איז גיהרגת גיווארין. דאס דריטע איז מבעה. דאס פערטע. אז איינער האט אן גיצונדין אפייער אונ דער פייער האט פארברענט אפרעמדע שטוב אדער אנדערע זאכין. זאגט די גמרא וואס איז מבעה. רב זאגט מבעה מיינט מען אמענטש. אז אמענטש האט גיטאהן אשאדין. אונ שמואל זאגט מבעה מיינט מען אצאן. די בהמה האט גיטאהן אשאדין מיט אירע ציין. ויא האט גיגעסין פרעמדע תבואה. רב זאגט מבעה מיינט מען אמענטש. ווארום עס שטייט אין פסוק דער היטער וואס מיינט מען גאט האט גיזאגט. עס איז גיקומען דער פריא מארגין ודיא ליכטיגקייט צו דיא צדיקים. אונ עס איז גיקומען דיא נאכט דיא פינסטערנישו צוא דיא רשעים. אם תבעיון בעיו. אויב איר ווילט תשובה טאהן אונ בעטין. זאלט איר בעטין. ועהן מיר אז ביא אמענטש שטייט דער ווארט בעיו. דאס איז דער זעלבינער ווארט וואס מבעה. דריבער מבעה מיינט מען אמענטש. אונ שמואל זאגט אז מבעה. מיינט מען אצאן. ווארום עס שטייט אין פסוק איך נחפשו עשו נבעו מצפוניו. דר פסוק ווערט גיטייטשט אזוי וויא רב יוסף האט גיטייטשט. וויא אזוי איז עשו גיזוכט גיווארין עס איז אויף גידעקט גיווארין זיינע בעהאלטענע זאכען. איז נבעו דער טייטש אויף גידעקט. ווערט דאך גיזאגט דער ווארט נבעו אויף אזוי אזאך וואס אמאהל איז צוא גידעקט אונ אמאל איז אויף גידעקט. אונ נבעו איז דיא זעלבינע וואס מבעה. דריבער קענען מיר זאגין אז מבעה איז אצאן. ווארום דער צאן איז אויך אמאהל אויף גידעקט. ווען דיא מויל איז האפין. אונ אמאהל צו גידעקט ווען די מויל איז פר מאכט:

ד אמר. רב אסי האט גיזאגט רבי זירא האט גיזאגט פון רב הונא ווען אמענטש דארף געבין פאר אמצוה ביז אדריטול. פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען אדריטול. מיר זאלין זאגין אדריטול פאר מעגין. וועט דאך זיין אז אים וועט טרעפין צו טאהן דריי מצות מיט איין מאהל. וועט ער דארפין אוועק געבין זיין גאנץ פאר מעגין. האט רבי זירא גיזאגט אזוי מיינט מען. דיא שיינקייט פון דער מצוה דארף קאסטין אדריטול פון דיא מצוה. למשל ער וויל קויפען אספר תורה. אונ עס איז דא צו פר קויפען צוויי ספרי תורות. איינע איז שענער ווי דיא אנדערע. זאל ער געבין אדריטול געלט מער אונ זאל קויפען דיא שענערע. האט רב אשי גיפרעגט וויא מיינט מען אדריטול מער. אדריטול פון אינווייניג. למשל פאר דיא פראסטע ספר תורה וויל מען זעכציג רובל. אויב מען וויל פאר דיא שענערע אכציג רובל. זאל ער צו געבין נאך צוואנציג רובל ואדריטול פון זעכציג אונ זאל קויפען דיא שענערע. אבער אז מען וויל טייערער וויא אכציג רובל. דארף ער ניט קויפען דיא שענערע. אדער מען מיינט אדריטול פון אויסווייניג. אויב מען וויל פאר דיא פראסטע ספר תורה זעכציג רובל. אונ פאר דיא שענערע

ווויל

מלבר היקו במערבא אמרי משמיה דרבי זירא עד שליש משלו מכאן ואילך כשל הקב"ה:

(סו ע"ב) ה תניא ר' נתן אומר מנין שלא יגדל אדם כלב רע בתוך ביתו ואל יעמיד סולם רעוע בתוך ביתו שנא' (דברים כב) ולא תשים דמים בביתך. (דף טז) תניא צבוע זכר לאחר ז' שנים נעשה עטלף. עטלף לאחר ז' שנים נעשה ערפד. ערפד לאחר ז' שנים נעשה קימוש. קימוש לאחר ז' שנים נעשה חוח. חוח לאחר ז' שנים נעשה שד. שדרו של אדם לאחר ז' שנים נעשה נחש והוא דלא כ"ע במודים:

(ע"ב) (ד"ה כב) ו וישכב חזקיהו עם אבותיו ויקברוהו במעלה קברי בני דוד. אמר ר"א במעלה אצל מעולים שבמשפחה ומאן נינהו דוד ושלמה (כס כז) וישכיבוהו במשכב אשר מלא בשמים וזנים מאי בשמים וזנים רבי אלעזר אומר זני זני. רב שמואל בר נחמני אומר בשמים שכל המריח אותם בא לידי זמה:

(ירמיה יח) ז כי כרו שוחה ללכדני ופחים טמנו לרגלי ר' אלעזר אומר שחשדוהו מזונה ר שמואל

דהיינו אם קטן נמכר בו' יוסיף ג' דינרין ויקח את הגדול בט' עד שליש משלו. דהיינו אותו שליש שיוסיף בהידור מ"ה משלו הוא שאינו נפרע לו בחייו כדאמרינן היום לעשותם ולא היום ליטול שכרם: מכאן ואילך. מה שיוסיף בהידור יותר על שליש יפרע לו הקב"ה בחייו:

(צבוע זכר. פי' בע וך אם בה ג"ה הלבושים מתרגמים מיסור אפעיה: ערפד תרגום ירושלמי עטלף ערפדא):

ויקברוהו במעלה וגו'. בחזקיהו כתיב בספר דה"י. וישכיבוהו במשכב. באסא מלך יהודה: זני זני. מיני מיני בשמים הרבה כדמתרגם למינהו לזנוהי

---

וויל מען ניינציג רובל. זאל ער געבין נאך דרייסיג רובל. וואס הייסט אויך אדריטל מער. ווארום זעכציג איז צוויי מאהל דרייסיג. נאך דרייסיג צו ביז ניינציג. איז דאך דיא דרייסיג אדריטיל. ווייס מען ניט וויא מען מיינט. אדריטיל פון זעכציג. אדער אדריטיל פון ניינציג. אין ארץ ישראל האט מען גזאגט פון רבי זיראס וועגין ביז אדריטיל גיט אמעיטש פון זיין געלט. מער וויא אדריטיל גיט ער פון גאטס געלט. למשל אז אפראסטע ספר תורה קאסט זעכציג רובל. אונ ער האט געגעבין פאר אשענערע ביז ניינציג רובל. דאס האט ער געגעבין פון זיין געלט. פאר דעם וועט אים גאט ניט בצאהלין אויף דער וועלט נאר אויף יענער וועלט. אבער אז ער הט געגעבין פאר אשענערע מער וויא ניינציג. מער וויא אדריטיל. דס וועט אים גאט בצאהלין אויף דיא וועלט:

ה תניא. מיר האבען גילערנט רבי נתן זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז אמענטש טאר ניט אדעווען אשלעכטין הונט אין זיין שטוב אונ ער טאר ניט שטעלין אשלעכטין לייטער אין זיין שטוב. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא זאלסט ניט טאהן קיין בלוט אין דיין שטוב. אונ פון דעם הונט אדער פון דעם לייטער קען דאך איינער שטארבין. תניא. מיר האבען גילערנט אשטאנג וואס הייסט צבוע אונ ער איז אזכר. נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אעטלף. אעטלף נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אערפד. אערפד נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אקימוש. אקימוש נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אחוח. אחוח נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אשד. די שדרה פון אמענטשין נאך זיבען יאהר ווערט פון אים אשטאנג. דאס איז נאר אז ער האט ניט געקניט צו מודים:

ו וישכב. דער מלך חזקיהו איז גישטארבין מיט זיינע עלטערין אונ מען הט אים בגראבין במעלה קברי בני דוד. רבי אלעזר זאגט במעלה איז דער טייטש דיא בעסטע. מען האט אים בגראבין נעבין דיא בעסטע פון דער משפחה. דאס איז דוד אונ שלמה. ביא אסא דער מלך פון יהודה שטייט מען האט אים גילייגט אויף אגילעגער נס ער איז גיוועזן פול מיט בשמים וזנים. וואס מיינט מען בשמים וזנים. רבי אלעזר זאגט מען מיינט פיל מינים בשמים. רב שמואל בר נחמני זאגט אזעלכע בשמים וואס ווער עס שמעקט זייא נעמט אים אן אגלוסטונג צוא מזנה זיין:

ז כי. ירמיה הנביא האט גיזאגט אויף דיא יודין זייא האבען גיגראבען אגרוב מיך צוא בצווינגען

שמואל ב"נ אומר שחשדוהו מאשת איש בשלמא למ"ד שחשדוהו מזונה היינו דכתיב (משלי כג) כי שוחה עמוקה זונה. אלא שחשדוהו מאשת איש מאי שוחה. אטו אשת איש מי נפקא מכלל זונה. בשלמא למ"ד שחשדוהו מאשת איש היינו דכתיב (ירמיה יח) אתה ה' ידעת את כל עצתם עלי למות אלא למ"ד שחשדוהו מזונה מאי למות שהשליכוהו לבאר טיט. דרש רבא מ"ד (שם) ויהיו מוכשלים לפניך בעת אפך עשה בהם אמר ירמיה לפני הק"ב"ה רבש"ע אפילו בשעה שעושים צדקה הכשילם בבני אדם שאינם מהוגנים כדי שלא יקבלו עליהם שכר:

פלתם עלי למות. דהאי איש אית בה חיוב מיתה אבל בזונה פנויה ליכא מיתה:
וכבוד עשו לו במותו. בחזקיה כתיב: ישיבה: תלמידים לעסוק בתורה שם: ג' ימים הושיבו [שם] ישיבה: וחד אמר. ז' ימים: זה חזקיה מלך יהודה. ליכא דתלמודא הוא ולא לאמעיק דהכו מקרא דהאי קרא בחזקיה כתיב אלא אגב אורחיה דמפרש מאי כבוד עשו לו כמו הו נקט ואמר הכי: חלוצי כתף. כמו והללה נעלו שקרעו בגדיהם עד

(ד"ה ב לג) **ח וכבוד** עשו לו במותו שהושיבו ישיבה על קברו. פליגי בה רבי נתן ורבנן חד אמר ג' (דף יז) וח"א ז' ואמרי לה שלשים. ת"ר וכבוד עשו לו במותו זה חזקיה מלך יהודה שיצאו לפניו ל"ו אלף חלוצי כתף דברי רבי יהודה א"ל רבי נחמיה

---

בצווינגען. אונ פיל נעצין האבען זייא בעהאלטין צוא מיינע פים. רבי אלעזר זאגט זיי האבען חושד גיוועזן ירמיהו אז ער האט מזנה גיוועזן מיט אזונה. רבי שמואל בר נחמני זאגט זיי האבען חושד גיוועזן ירמיהו אז ער האט מזנה גיוועזן מיט אשת איש. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז זייא האבען חושד גיוועזן ירמיהו אז ער האט מזנה גיוועזן מיט אזונה. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק כי כרו שוחה. זייא האבען גיגראבין אגרוב. ווארום ביי אזונה שטייט אויך אזו כי שוחה עמוקה זונה. אזונה איז וויא אטיפע גרוב. נאר דער וואס זאגט אז זייא האבען אים חושד גיוועזן מיט אשת איש. ווארום רופט מען דאס שוחה. אגרוב. ענטפערט דיא גמרא אז אאשת איש איז מזנה איז זיא דען ניט אזונה. פרעגט די גמרא דער וואס זאגט אז מען הט ירמיהו חושד גיוועזן אז ער הט מזנה גיוועזן מיט אשת איש. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק ירמיהו האט גיזאגט פאר גאט. דוא גאט ווייסט אז זייערע אלע עצות אויף מיר איז מיך צו הרגנן. ווארום אז מען איז מזנה מיט אאשת איש קומט מען זאל הרגנן. אבער דער וואס זאגט אז מען האט אים חושד גיוועזן ער איז מזנה מיט אזונה וואס האט ניט קיין מאן. פאר וואס קומט אים צו הרגנן. ענטפערט דיא גמרא דאס הרגנן איז ניט דורך דיא זונה. נאר זייא האבען אים אריין גיווארפין אין אגרוב ליים. ער זאל דארט דער טרונקען ווערין. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק זייא זאלין זיין גישטרויכלט פאר דיר אין דער צייט פון דיין כעס טוה מיט זייא. אזוי הט ירמיה גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם אפילו ווען זיי ווערין טאהן צדקה. זאלסטו זייא שטרויכלען זייא זאלין געבין דיא צדקה צו אזעלכע מענטשין וואס זענין רשעים ווס דו ביסט אין כעס אויף זייא: זייא זאלין ניט האבען שכר פאר דיא צדקה:

**ח** וכבוד. מען האט גיטאהן כבוד צוא חזקיהו ווען ער איז גישטארבין. וואס איז גיוועזן דער כבוד. מען האט גיזעצט אישיבה אויף זיין קבר. תלמידים זענען גיזעסין אויף זיין קבר אונ האבען גילערנט תורה. אין דעם קריגט רבי נתן מיט דיא רבנן. איינער זאגט דרייא טעג איז דיא ישיבה גיזעסין. אונ איינער זאגט זיבען טעג איז די ישיבה גיזעסין. אונ אנדערע זאגין דרייסיג טעג איז דיא ישיבה גיזעסין אויף זיין קבר. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק מען האט גיטאהן צוא אים כבוד ווען ער איז גישטארבין. דאס מיינט מען מען האט גיטאהן כבוד צו חזקיהו מלך יהודה ווען ער איז גישטארבין. פאר זיין מטה וויא מען האט אים גיטראגין זענען גיגאנגען זעקס אונ דרייסיג טויזענד מענטשין צעריסען דיא קליידער ביז מען האט ארוים גיזעהן דעם אקסיל. אזוי זאגט רבי יהודה. האט רבי נחמיה גיזאגט צו רבי יהודה פאר דעם מלך אחאב האט מען דאך אויך אזוי גיטאהן. נאר דעם כבוד האט מען גיטאהן

נחמיה והלא גם לפני אחאב עשו כן אלא שהניחו ס"ת על מטתו ואמרו קי"ם זה מה שכתוב בזה . והאידנא נמי עבדינן הכי אפוקי מפקינן אנוחי לא מנחינן . ואב"א אנוחי נמי מנחינן קיים לא אמרינן. ארבב"ת הוה אזילנא בהדיה דר' יוחנן למשאל שמעתא כי הוה עאל לבהכ"ס והוה בעינא מיניה מלתא לא פשיט לן עד דמשי ידיה ומנח תפילין ומברך והדר אמר לן אפילו קיים אמרינן לימד לא אמרי'. והאמר מר גדול ת"ת שהתלמוד מביא לידי מעשה לא קשיא הא למיגמר הא לאגמורי :

שגאלו כתפיסם : והאידנא . מפקינן ס"ת קמי נברא רבה : אנוחי . על מטתו לא מנחינן : כי הוה עייל לבית הכסא . כלומר זמנא חדא כי הוה עייל לבית הכסא אמר לן הכי קיים אמרינן לימד לא אמרינן ולימד אמרו להזקיה והאידנא לא משום כבוד דהזקיה דלימוד עדיף מקיום :

מביא לידי מעשה . אלמא מעשה עדיף : למגמר . לעצמו מעשה עדיף א"ל לאגמורי לאחרים עדיף ממעשה הילכך לימוד לא אמרינן :

זורעי . היינו צדקה וחסד כדמפרש לקמיה : לנחלת שני שבטים . דהכי משמע רגליכם ישולחו בנחלת השור והחמור יוסף ויששכר : בנות צעדה עלי שור .

ט א"ר יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מ"ד (ישעיה לב) אשריכם זורעי על כל מים משלחי רגל השור והחמור כל העוסק בתורה ובגמילות חסדים זוכה לנחלת שני שבטים שנא' אשריכם זורעי ואין זריעה אלא צדקה שנאמר (הושע י) זרעו לכם לצדקה קצרו לפי חסד ואין מים אלא תורה שנא' (ישעיה נה) הוי כל צמא לכו למים וזוכה לנחלת שני שבטים זוכה לכילה כיוסף דכתי' (בראשי' מט) בן פורת יוסף גו' בנות צעדה עלי

---

צו חזקיהו מען האט געלייגט אספר תורה אויף זיין מטה. אונ מען האט געזאגט דער וואס ליגט אויף דיא מטה האט מקיים געוועזן וואס עס שטייט אין דיא תורה. אונ איצט טוהט מען אויך אזוי מען טראגט אספר תורה פאר אגרויסן צדיק אז ער איז געשטארבין. נאר מען לייגט ניט דיא ספר תורה אויף דיא מטה וואו דער מת ליגט. אנדערע זאגין איצט לייגט מען אויך אספר תורה אויף דער מטה נעבין דעם מת: נאר מען זאגט ניט אז דער מת האט מקיים געוועזן וואס אין דיא ספר תורה שטייט. רבה בר בר חנה האט געזאגט איך בין אמאהל גינאנגען מיט רבי יוחנן אונ איך האב געוואלט פרעגין בייא אים אדין. דער ווייל איז ער אריין גינאנגען אין בית הכסא. וויא ער איז ארויס גינאנגען פון בית הכסא האב איך בייא אים גיפרעגט דעם דין. האט ער מיר גאר ניט גיענטפערט ביז ער האט גיוואשין דיא הענט אונ ער האט גילייגט תפלין אונ האט גימאכט אברכה דער נאך האט ער אונז געזאגט אז אצדיק שטארבט לייגט מען נעבין אים אויף דער מטה אספר תורה. אונ מען זאגט דער צדיק האט מקיים געוועזן אלץ וואס אין דיא ספר תורה שטייט. נאר מען זאגט ניט ער האט גילערנט דיא תורה. פרעגט דיא גמרא דער תנא האט דאך געזאגט אז לערנען איז גרויס. ווארום דער לערנען ברייגגט מען זאל וויסען וואס צוא טאהן. אז מיר זאגין דער צדיק האט מקיים געוועזן אלץ וואס אין דיא תורה שטייט. האט ער דאך גימוזט פריער לערנען דיא גאנצע תורה, ווארום אז ער האט ניט גילערנט. פון וואנען האט ער געוואוסט צו מקיים זיין. ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. לערנען פאר זיך האט ער טאקי גילערנט אונ מען זאגט דער מת האט גילערנט אונ האט מקיים געוועזן וואס אין דיא ספר תורה שטייט. נאר מען זאגט ניט ער האט גילערנט מיט אנדערע:

ט אמר. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין עס שטייט אין פסוק וואוהל צו אייך איר זייט אויף אלע וואסערין זייא שיקען דיא פיס פון אקס אונ פון איזיל: דאס מיינט מען דער וואס בשעפטיגט זיך מיט תורה אונ מיט גמלות חסדים איז ער זוכה צו דיא נחלה פון צוויי שבטים. ווארום עס שטייט אין פסוק וואוהל צוא אייך איר זייט. זייען מיינט מען צדקה געבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייט צוא צדקה וועט איר שניידין וויא דער חסד איז געוועזן: וואסער מיינט מען דיא תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע דארשטיגע גייט צום וואסער. ווער עס איז דארשטיג תורה לערנען. זאל גיין צוא דיא תורה. אונ ער איז זוכה צוא דיא נחלה פון צוויי שבטים. ער איז זוכה צוא אחופה אזוי וויא יוסף. וואס

בית כילה: תמול גרס. מתרגמינן פתיר נכסי יוסף לעיקרי שור. בכור שורו הדר לו: הדר בהצר חבירו. דלא קיימא לאגרא: שלא מדעתו א"צ להעלות לו שכר שאמר ושאיה יוכת שער. שר שממו שהיא מלאת שערי בית שאין בני אדם דרין בו והלכך זה שעמד בו הבאוו ל"א בית שאה שאוי ויחיד מאין אדם יוכת בעל מזיקן מכחשין הוקן (שער שדים):
בירה. בית גדול: בנר חנוכה פטור. שמצוה להניח ברבות הרבים לפרסומי ניסא: והזגגין. מ:כרי כלי זכוכית:

עלי שור וזוכה לנחלת יששכר דכתיב (פס) יששכר חמור גרם. א"ד אויביו נופלין לפניו כיוסף דכתיב ביה (דברים לג) עמים ינגח יחדו אפסי ארץ וזוכה לבינה כיששכר דכתיב (ד"ה א יב) ומבני יששכר יודעי בינה לעתים לדעת מה יעשה ישראל וגו':

# ביצד הרגל פרק שני

(דף כא) **א אמר** רב סחורה אמר רב הונא אמר רב הדר בחצר חבירו שלא מ דעתו אי צריך להעלות לו שכר משום שנאמר (ישעיה כד) ושאיה יוכת שער אמר מר בר רב אשי לדידי חזי לי וכנגח כתורא:

(דף כב) **ב ת"ש** גמל טעון פשתן ועבר בר"ה נכנסה פשתנו לתוך החנות ודלקו בנרו של חנוני והדליק את הבירה בעל גמל חייב ·הגיח חנוני נרו מבחוץ חנוני חייב ר' יהודה אומר בנר חנוכה פטור

ת"ר

---

עס שטייט אין פסוק בן פורת יוסף. אזוהן פון חן איז יוסף. דיא טעכטער פון מצרים האבען גיטרעטן אויף דיא דעכער פון דיא מויערן צוא זעהן יוסף (יוסף ווערט גירופען אקס אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בכור שורו הדר לו). אונ ער איז זוכה צוא דיא נחלה פון יששכר. אזו וויא עס שטייט אין פסוק יששכר איז אאייזיל מיט ביינער. ער איז אזוי וויא אשטארקער אייזיל. דאס מיינט מען ער איז רייך מיט פאר מעגין. אנדערע זאגין אזוי מיינט מען זיינע פיינט וועלין פאלען פאר אים. אזוי וויא זיא זענען גיפאלען פאר יוסף. ווארום ביי יוסף שטייט ער וועט שטויסען פעלקער. ער וועט אלע צו זאמען שטויסען ביז אין עק וועלט. אונ ער וועט זוכה זיין צו פר שטאנדיגקייט אזו וויא יששכר. אזו וויא עס שטייט אין פסוק די קינדער פון יששכר ווייסין צו פאר שטיין דיא צייטן. צו ויסען וואס די יודין זאלין טאהן:

# פרק שני

**א** אמר. רב סחורה האט גזאגט. רב הונא האט גזאגט פון רבס וועגין אז איינער וואוהנט אין זיין חברס הויף. אונ זיין חבר ווייס נאר ניט. אויב דיא שטובין זענען גיוועזן לידיג. אונ זיי זענען ניט גישטאנען צום פר דינגען. דארף ער ניט בצאהלין פר זיין וואונען. ווייל עס שטייט אין פסוק ושאיה יוכת שער. דער שד וואס ער הייסט שאיה. צוא שטויסט ער דיא טירין פון דיא לידיגע הייזער. איצט אז ער האט גיוואוינט אין דיא שטוב געבליבען גאנץ. האט ער דאך דעם בעל הבית פון שטוב גיטאהן אטובה. מר בר רב אשי האט גזאגט איך האב גיזעהן דעם שד וואס צו שטויסט דיא הייזער. אונ ער שטויסט אזו וויא אאקס.

**ב** תא שמע. קום הער וואס מיר האבען גילערנט אז אקעמיל איז גיוועזן בלאדין מיט פלאקס. אונ ער איז גינאנגען מיט דיא פלאקס אין גאס. אונ דיא פלאקס איז אריין גיגאנגען אין אקראם. אונ דיא פלאקס האט זיך אן גיצונדען אין דיא ליכט פון קרעמער. אונ דיא פלאקס האט אן גיצונדען אשטוב. דער בעל הבית פון קעמיל דארף בצאהלין פאר דיא שטוב. אבער אז דער קרעמער האט גישטעלט דיא ליכט אויף דיא גאס נעבין טיר פון דיא קראם. אונ דיא פלאקס האט זיך אן גיצונדען. דארף דער קרעמער בצאהלין. רבי יהודה זאגט אויב דס איז געוועזן אחנוכה ליכט. וואס דיא מצוה איז צוא ברענען אויף דיא גאס נעבין דיא טיר. דארף ניט דער קרעמער בצאהלין:

תנו

# המניח פרק שלישי

(ומודה איסי בן יהודה . ברייתא שם תניא איסי בן יהודה אומר רן חייב מפני שהוא משונה פירוש אם אחד רן ואחד מהלך הזיק זה את זה הרן חייב וע"ז קאי ומודה וכו') : כולו ונגא . כאדם המקבל פני המלך :

(דף ל) **א ת"ר** הסידים הראשונים היו מצניעין קוצותיהם וזכוכיותיהם בתוך שדותיהם ומעמיקים להם ג' טפחים כדי שלא יעכב המחרשה רב ששת שדי להו בנורא רבא שדי להו בדגלת . א"ר יהודה האי מאן דבעי למיהוי חסידא ליקיים מילי דנזיקין רבא אמר מילי דאבות ואמרי לה מילי דברכות :

(דף לא) **ב ת"ש** הקדרין והזגגין שהיו מהלכין זה אחר זה נתקל הראשון ונפל ונתקל השני בראשון והשלישי נתקל בשני הראשון חייב בנזקי שני והשני חייב בנזקי שלישי ואם מחמת הראשון נפלו הראשון חייב בנזקי כלם ואם הזהירו זה את זה פטורין :

(דף לב ע"ב) **ג ומודה** איסי בן יהודה בע"ש בין השמשות שהוא פטור מפני שרץ ברשות בע"ש מאי ברשות איכא כדרבי חנינא דא"ר חנינא בואו ונצא לקראת כלה מלכתא ואמרי לה לקראת שבת [כלה] מלכתא ר' ינאי מתעטף [וקאי] ואמר

---

## פרק שלישי

**א** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט דיא פאר צייטיגע חסידים פלעגן בעהאלטען זייערע דערנער אונ זייערע שטיקער גלאז אין דיא פעלדער דריי טפחים טיף אין דיא ערד . מען זאל קענען אקערן פון הויבין . דיא דערנער זאלין ניט פאר האלטען דעם אקער . רב ששת פלעגט אריין ווארפען דיא דערנער אין פייער . אונ פרעגט זייא פר ברענען . רבא פלעגט אריין ווארפען זיינע דערנער אונ שטיקער גלאז אין דעם טייך דיגלת . רבי יהודה זאגט ווער עס וויל זיין א חסיד זאל ער מקיים זיין וואס עס שטייט אין דיא מסכתות נזיקין . ער זאל זיך היטען ער זאל קיינעם ניט טאהן קיין שאדין . רבא זאגט ער זאל מקיים זיין וואס עס שטייט אין דיא מסכת אבות . אנדערע זאגין ער זאל מקיים זיין וואס עס שטייט אין דיא מסכת ברכות . ער זאל מאכען א ברכה אויף יעדער זאך :

**ב** תא שמע . קום הער וואס מיר האבען גילערנט דרייא טעפערס אדער דריי גלעזערס זענען גיגאנגען איינער אינטער דעם אנדערין . אונ עס איז עפעס גילעגין אויף דיא גאס . האט זיך דער ערשטער גישטרויכלט אן דיא זאך אונ איז גיפאלען . אונ דער אנדערער האט זיך גישטרויכלט אן דעם ערשטין אונ איז אויך גיפאלען : אונ דער דריטער האט זיך גישטרויכלט אן דעם אנדערין אונ איז אויך גיפאלען : אונ זייא האבען צוא בראכען זייערע טעפ אדער זייערע גלאז . דער ערשטער דארף בצאהלין דעם אנדערינס שאדין . אונ דער אנדערער דארף בצאהלין דעם דריטונס שאדין . אונ אויב דער אנדערער אונ דער דריטער זענען גיפאלען דורך דעם ערשטין . דארף דער ערשטער בצאהלין אלע שאדינס דעם אנדערינס אונ דעם דריטונס . אונ אויב דער ערשטער וויא ער איז גיפאלען האט ער געשריגן צום אנדערין ער זאל זיך היטען : אונ דער אנדערער וויא ער איז גיפאלען האט ער געשריגן צום דריטען ער זאל זיך היטען . אונ זיי האבען זיך ניט געהיט אונ זענען גיפאלען . זענין ביידע פטור :

**ג** ומודה . אונ איסי בן יהודה איז מודה אז איינר איז גילאפען אין גאס ערב שבת שפעט פארין נאכט . אונ זוייפינדיג . האט ער גיטאהן א שאדין איינעם וואס איז ניט געלאפען נאר גיגאנגען . דארף ער ניט בצאהלין דעם שאדין . ווייל ערב שבת פארין נאכט מעג ער לויפין . אזוי וויא רבי חנינא פלעגט זאגין צוא זיינע תלמידים ערב שבת פארין נאכט קומט מיר וועלין ארויס גיין געגין דיא כלה אונ מלכה . אנדערע זאגין אזוי פלעגט רבי חנינא זאגין צוא דיא תלמידים ערב שבת פארין נאכט . קומט מיר וועלין ארויס גיין געגין דעם שבת וואס זי ווערט גערופין שבת אונ כלה אונ מלכה . רבי ינאי ערב שבת פארין נאכט פלעגט ער זיך איין וויקלען אין זיינע קליידער אונ

פלעגט

ואמר בואי כלה בואי כלה :

# שור שנגח ארבעה וחמשה פרק רביעי

(דף לו ע"ב) **א תנן** התם התוקע לחבירו נותן לו סלע וכו' . (דף לז) חנן בישא תקע ליה להוא גברא אתא לקמיה דרב הונא א"ל זיל הב ליה פלגא דזוזא ה"ל זוזא מכא בעי למיתבה ליה מיניה פלגא דזוזא לא הוה משתקיל ליה תקע ליה אחרינא ויהביה ניהליה :

תוקע. המכה כנגד אזנו לשון מורי ז"ל הקישם ממש: אתן לו סלע. דמי כאבו נגד לצרה ובושת ארסור את יכנם שם (בגמ' מסיק דהוא סלע מדינה דהוא פלגא דזוזא במ' ... כלע ל"י) : זוזא מכה. פתוח נרתא : ולא הוה משתקל ליה . לא היה יכול להוציאו : מואבים עצמם . מספחינו בקהל ושכרו את בלעם :

**ב רב** שמואל בר יהודה שכיבא ליה ברתיה אמרי ליה רבנן לעולא קום ניזיל נינחמיה אמר להו מאי אית לי נבי נחמתא דבבלאי דגידופא הוא דאמרי מאי אפשר לי למיעבד הא אפשר להו למיעבד עבדי אזיל הוא לחודיה לגביה א"ל (דברים ב) ויאמר ה' אלי אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה וכי עלה על דעתו של משה לעשות מלחמה שלא ברשות אלא נשא משה ק"ו בעצמו אמר ומה מדינים שלא באו אלא לעזור את מואב אמרה תורה (במדבר כה) צרור את המדינים והכיתם אותם (ע"כ) מואבים עצמם לא כ"ש א"ל הקב"ה לא כשעלתה על דעתך עלתה על דעתי שתי פרידות טובות יש לי

---

פלעגט זיך שטעלין אונ פרעגט זאגין צום שבת קום כלה קום כלה . אונ וויל שבת איז אזוי טייער . דריבער ערב שבת פארין נאכט לויפט יעדער מענטש אין נאם אן גרייטין אויף שבת . אונ מען לויפט אהיים צוא נעמען שבת . דריבער מעג מען לויפען . אונ אז מען טוהט א שאדין לויפענדיג דארף מען ניט בצאהלין :

## פרק רביעי

**א** תנן . מיר האבען גילערונט אז איינער האט גשלאגין זיין חבר אויף דעם אויער . גיט ער אים אהאלבין גילדין פאר דעם וואס ער האט אים פאר שעמט . זאגט דיא גמרא חנן בישא האט גישלאגין אמענטשין אויף דעם אויער . זענען זייא גיקומען אדין תורה האבען פאר רב הונא . האט רב הונא גזאגט צו חנן גייא גיב אים אהאלבין גילדין . האט חנן גיהאט אאפגעריבענעם גילדין . האט ער גיוואלט מען זאל אים ארעשט געבין פון דעם גילדין אהאלבין גילדין . האט קיינער ניט גיוואלט נעמען דעם גילדין . האט ער אים נאך אמאהל גישלאגין אויף דעם אויער אונ האט אים אוועק גיגעבין דעם גאנצין גילדין :

**ב** בייא רב שמואל בר יהודה איז גישטארבין אטאכטער . האבען דיא רבנן גיזאגט צו עולא מיר וועלין גיין צו רב שמואל מנחם אבל זיין . האט עולא גיזאגט צו דיא רבנן וואס האב איך צו גיין מיט דיא טרייסטער פון בבל . זייא לעסטערין נאך גאט . זייא זאגין צום אבל וואס קען איך טאהן געגין גאט . אבער אז זייא וואלטין גיקענט וואלטין זייא גיטאהן . איז עולא אליין גיגאנגען צו רב שמואל מנחם אבל זיין . האט עולא גיזאגט צו רב שמואל עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט געזאגט גאט האט גיזאגט צו מיר דו זאלסט ניט באגערין מואב אונ דוא זאלסט ניט רייצין מיט זייא אמלחמה . איז דאך אקשיא האט דען משה גיוואלט מאכין אמלחמה מיט מואב אונ ניט פרעגין בייא גאט . וואס גאט האט אים גידארפט אן זאגין ער זאל ניט מלחמה האלטין מיט מואב . נאר משה האט גיוואלט לערנין אקל וחומר אז ער זאל מלחמה האלטין מיט מואב . ער האט אזוי גיזאגט מאראך דיא מדינים וואס זייא זענען נאר גיקומען העלפין מואב . האט דיא תורה גיזאגט צו משה דו זאלסט באגעגנין דיא מדינים אונ זאלסט זייא שלאגין . מואב אליין דארף מען דאך געווים שלאגין . האט גאט גיזאגט צו משה ניט וויא דו טראכסט . טראכט איך . צוויא גוטע טויבין האב איך ארויס צו נעמען כון עמון איינע נאונ פון מואב איינע . רות פון מואב אונ

נעמה

לי להוציא כהם רות המואביה ונעמה העמונית והלא דברים ק"ו מה בשביל שתי פרידות טובות הס הקב"ה על שתי אומות גדולות ולא החריבן בתו של ר' אם כשרה היא וראויה לצאת ממנה דבר טוב עאכ"ו דרוה חיה:

ג א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה אפילו שכר שיחה נאה דאילו בכירה דקאמרה מואב א"ל הקב"ה למשה (דברים ב) אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה מלחמה הוא דלא הא אנגריא עביד בהו צעירה דקאמרה בן עמי א"ל הקב"ה למשה (שם) וקרבת מול בני עמון אל תצורם ואל תתגר בם כלל דאפי' אנגריא לא תעביד בהו . וא"ר חייא בר אבא א"ר יהושע בן קרחה לעולם יקדים אדם לדבר מצוה שבשביל לילה אחת שקדמתה בכירה לצעירה קדמתה ד' דורות לישראל עובד ישי ודוד ושלמה ואילו צעירה עד רחבעם דכתיב (מ"א יד) ושם אמו נעמה העמונית:

(דף מא ע"ב) ד תניא שמעון העמסוני ואמרי לה נחמיה העמסוני היה דורש כל אתין שבתורה כיון שהגיע (דברים ו) לאת ה' אלהיך תירא פירש אמרו לו תלמידיו רבי כל אתין שדרשת מה תהא עליהן אמר להם

כשם

פרידות. גוזלות: בתו של רבי. אם ראויה לבא בקהל כשר עאכ"ו שתהיה:
דקאמרה מואב. לשון פריצות שהוא מאביה:
אנגריא להשתעבד בהם להביא להם מים ומזון:
אתין. וגמין ריבוין: כשהגיע לאת ה' אלהיך תירא:

---

נעמה פון עמון. דריבער טאר מען נאך ניט מלחמה האלטין ניט מיט עמון אונ ניט מיט מואב. זאגט עולא איך וועל איצט לערנען אקל וחומר. מאראך וועגין צוויא גוטע ווייבער האט גאט רחמנות געהאט אויף צוויא גרויסע פעלקער אונ מען האט זייא ניט גהרגת. דיא טאכטער פון רבי (פון רב שמואל) אויב זיא וואלט געוועז אפרומע אונ עס וואלט פון איהר געבאהרין געווארין גוטע קינדער. געוויס וואלט איר גאט גלאזט לעבין:

ג אמר. רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין גאט גזלת ניט קיין שכר פון קיין בשעפעניש. אפילו פאר שיינע רייד בצאהלט אויך גאט שכר. ווייל דיא עלצטע טאכטער פון לוט האט גירופין איר קינד מואב. ואיך האב אים געבארין פון מיין פאטער דו האט זיא דאך מיאוס גירעט. האט גאט גיזאגט צו משה דו זאלסט ניט בלאגערין מואב אונ דוא זאלסט ניט רייצין מיט זייא אמלחמה. אמלחמה זאל מען ניט מאכין מיט מואב. מען זאל זייא ניט הרגנן. אבער ארבעטין מיט זייא מעג מען. אבער דיא יינגסטע האט גירופין איר קינד עמון איך האב אים געבארין פון מיין פאלק. האט זיא דאך שיין גירעט. האט גאט גיזאגט צו משה אז דוא וועסט גינענען געגין דיא קינדער פון עמון. זאלסטו זייא ניט בלאגערין אונ דו זאלסט דיך מיט זייא גאר ניט רייצען. אפילו ארבעטין זאלסטו אויך ניט מיט זייא. נאך האט רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יהושע בן קרחה וועגין אייביג זאל זיך אמענטש איילין צוא טאהן אמצוה. ווייל דיא עלצטע טאכטער פון לוט האט זיך גיאיילט פאר דיא יינגסטע מיט איין נאכט פריער. האט זיא גיבראכט פיר דורות יודין פריער פאר דיא יינגסטע. דיא פיר דורות זענען עובד ישי דוד שלמה: אונ פון דיא יינגסטע איז געבארין רחבעם דער זוהן פון שלמה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נאמען פון זיין מוטער (פון רחבעמס מוטער) איז נעמה פון עמון:

ד תניא מיר האבען גילערנט שמעון העמסוני אונ אנדערע זאגין נחמיה העמסוני האט גידרשת אלע ווערטער את וואס עס שטייט אין דיא תורה. דער וואריט את זאל צוא געבין נאך אזאך. וויא ער איז גיקומען צום את ה' אלהיך תירא. האט ער זיך אפ גישיידט. ער האט ניט גיוואלט דאס צוא דרשנן. פאר וועמען זאל מען מורא האבען אויסער גאט. האבען דיא תלמידים צוא אים גיזאגט רבי דיא אלע אתין וואס דו האסט גידרשת וואס וועט זיין מיט זייא. אדער אלע אתין דארפין מערין. אדער אלע אתין מערין ניט. אויב דער את פון את ה' אלהיך

תירא

לא יהא מם לכנוס : יגדל אדם וכו' . כ"נ כאן לא יכמרס לא יקיימם כלל : כשם שקבלתי שכר על הדרישה כך קבלתי שכר על הפרישה עד שבא רבי עקיבא ולימד את ה' אלהיך תירא לרבות תלמידי חכמים :

(דף מו) ה ופיסקא] ר' אליעזר אומר אין לו שמירה אלא סכין וכו' אמר רבה מאי טעמא דר"א דאמר קרא (שמות כא) ולא ישמרנו שוב אין לו שמירה לזה א"ל אביי אלא מעתה דכתיב (שם) ולא יכסנו שוב אין לו כסוי לזה וכ"ת ה"נ והתנן כסהו כראוי ונפל להוכו שור או חמור וכת פטור אלא אמר אביי היינו טעמא דר"א כדתניא ר' נתן אומר מנין שלא יגדל אדם כלב רע בתוך ביתו ואל יעמיד סולם רעוע בתוך ביתו שנא' (דברים כב) ולא תשים דמים בביתך :

## שור שנגח את הפרה פרק חמישי

(מ"ג) א אמר ר"ש בר נחמני מנין להמוציא מחבירו עליו הראיה שנא' (שמות כד) מי בעל דברים יגש אליהם ראיה אליהם מתקיף לה רב אשי

---

תירא מערט גאר ניט. מערין אלע אתין גאר ניט. האט שמעון אדער נחמיה צוא זייא געזאגט אזוי חיא איך האב גינומען שכר אויף דעם דרשנן דיא אתין. אזוי וועל איך נעמען שכר אויף דעם אפ שיידין זיך פון דעם דרשנן. ביז רבי עקיבא איז גיקומען אונ האט גילערונט את ה' אלהיך תירא. דו זאלסט מורא האבען פאר גאט אונ פאר תלמידי חכמים אויך :

ה פיסקא. רבי אליעזר זאגט דער אקס וואס האט גישטויסן דרייא מאהל. קען מען אים שוין ניט היטען. נאר מען מוז אים שעכטין. רבה זאגט פון וואנען ווייס דאס רבי אליעזר. וארום עס שטייט אין פסוק ולא ישמרנו. ער וועט אים ניט היטען. וויל ער האט ניט קיין היטונג. מען קען אים ניט היטען. נאר מען מוז אים שעכטין. האט אביי גיזאגט צו רבה אז עס שטייט אין פסוק ולא יכסנו. ער וועט אים ודעם גרוב ניט צו דעקין. וועסטו אויך טייטשין וויל ער האט ניט קיין צודעק. מען קען אים ניט צו דעקין. אז מען דעקט צו דיא גרוב. אונ עס איז אינווייניג אריין גיפאלין אבהמה. דארף מען בצאהלין אויב זיא איז גיהרגת געווארין. טאמער וועסטו זאגין טאקי אזוי: מען דארף טאקי בצאהלין. מיר האבען דאך גילערונט אז ער האט צוא גידעקט דיא גרוב אזוי וויא עס דארף זיין. אונ עס איז אריין גיפאלין אינווייניג אאקס אדער אאייזיל אונ איז גיהרגת געווארין דארף מען ניט בצאהלין. האט אביי גיזאגט פון דאנען ווייס דאס רבי אליעזר. וארום מיר האבען גילערונט רבי נתן זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז אמענטש זאל ניט האלטען אשלעכטין הונט אין זיין שטוב. אונ ער זאל ניט שטעלין אשלעכטין לייטער אין זיין שטוב. וארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט טאהן קיין בלוטס אין דיין הויז. אונ פון אשלעכטין הונט אונ אשלעכטין לייטער קען מען גיהרגת ווערין. אזוי טאר מען ניט האלטין אאקס וואס האט שוין דרייא מאהל גישטויסן. טאמער וועט ער הרגנן אמענטשין. נאר מען מוז אים שעכטין :

## פרק חמישי

א אמר. רבי שמואל בר נחמני הט גיזאגט פון וואנען ווייסין מיר אז איינער וויל אויסציהען פון זיין חבר ולמשל ראובן מאנט געלט בייא שמעון. אונ שמעון זאגט ער איז ניט שולדיג. דארף ראובן ברייגגען עדות אדער איין אנדרע ריכטיגע בעווייזונג אז עס איז אמת אז אים קומט געלט בייא שמעון. אבער אז ראובן קען ניט בעווייזין. דארף שמעון ניט בצאהלין. וארום עס שטייט אין פסוק מי בעל דברים יגש אליהם. ווער עס מאנט זאל גיגעגען זיינע בעווייזונג צו דיא דיינים. האט רב אשי גיפרעגט דארף מען דען אויף דעם הפסוק. דאס פארשטייט מען אליין

וטמא:

אשי הא ל"ל קרא סברא הוא דכאיב ליה כאיבה אזיל לבי אסיא אלא קרא לכדר"נ אמר רבה בר אבוה דאמר מנין שאין נזקקין אלא לתובע תחלה שנאמר מי בעל דברים יגש אליהם יגיש דבריו אליהם אמרי נהרדעי פעמים שנזקקין לנתבע תחלה והיכי דמי דקא זילי נכסיה:

(דף מח ע"ב) **ב משנה** אדם שהיה מתכוין לחבירו והכה את האשה ויצאו ילדיה משלם דמי ולדות כיצד משלם דמי ולדות] שמין את האשה כמה היא יפה עד שלא ילדה וכמה היא יפה משילדה אמר רשב"ג (דף מט) א"כ משהאשה יולדת משבחת [אלא שמין את הולדות ונותן לבעל וכו'.

**גמ']** מאי קאמר אמר (רב) [רבה] הכי קאמר וכי אשה משבחת קודם שתלד [יותר מלאחר שתלד] והלא אשה משבחת לאחר שתלד יותר מקודם שתלד אלא שמין

את

שאין נזקקין אלא לתובע תחלה. כגון ראובן תובע משמעון מנה שהלוהו (בעדים או בשטר) ושמעון משיבו תפסת משלי השור לי מה שתפסת או משכון היה בידך ונפחת מדמיו שנתמשכן כו בתחלה נזקקין לטענת ראובן ומוציאין לו מנה משמעון ואחר כך נזקקין לטענת שמעון לדון על דבר התפוס והמשכון: דקא זילי נכסיה. שיש כאן תגרים שיקנוהו בדמים יקרים ומחר ילכו להם א"נ שקרקעותיו זולות ע"י תביעה זו שרואין אותו דחוק והם זילו לו תפיסתו או משכונו ימכרם וישלם לו מהם:

מאי קאמר דמשמע דהכי קאמר ליה דא"כ לדידך היה לך משהאשה יולדת משבחת וה"ק הא קאמר דמשבחא: והלא אשה משבחת. בדמים לאחר שתלד דמתחלה דמיה פחותין לימכר שמוכנת היא למות בצער לידה והכי משמע מתני' א"כ דכך שמין כדקאמרת אשה דלא יהיב ליה מידי דמשהאשה יולדת משבחת:

---

וועמען עס טוהט וויא. דער גייט צום דאקטאר. נאר דעם פסוק דארף מען צו דער זאך וואס רב נחמן האט געזאגט פון רבה בר אבוהס וועגין. פון וואנען ווייסין מיר אז פריער ענפערט מען דעם וואס מאנט פריער ולמשל ראובן זאגט צו שמעון גיב מיר דיא הונדערט גילדין וואס דוא האסט ביי מיר גיבארגט. אונ שמעון ענפערט דו האסט ביי מיר גיחאפט. גיב מיר צוריק וואס דו האסט ביי מיר גיחאפט. וועל איך דיר בצאהלין דיא הונדערט גילדין. ווייל ראובן האט פריער גימאנט נעמט מען פריער הונדערט גילדין פון שמעון אונ מען בצאהלט צוא ראובן. דער נאך קלערט מען אויף דיא טענה פון שמעון וואס ער זאגט אז ראובן האט ביי אים גיחאפט. ווארום עס שטייט אין פסוק מי בעל דברים יגש אליהם. ווער עס מאנט פריער זאל ער פריער גיגענען זיינע טענות צוא בית דין. אונ בית דין זאל פריער פסקנען זיין דין. דיא חכמים פון נהרדעי זאגין אמאהל ענפערט מען פריער דעם וואס ווערט גימאנט. מען ענפערט פריער צו שמעון. אויב דיא זאכין וואס שמעון מאנט ווערין אלע טאג וועלוועלער. אדער היינט זענען דא סוחרים וואס ווילען קויפין דיא זאכין. אונ מארגין וועלין זייא אוועק פארין וועט שמעון שאדין האבען. ענפערט מען פריער צו שמעון אפ נעמען דיא זאכין פון ראובן. דער נאך ענפערט מען צו ראובן אפ צו נעמען זיין געלט פון שמעון:

ב משנה. אדם. אויב אמענטש האט גיוואלט שלאגין זיין חבר. דער ווייל איז דורך גיגאנגען אאשה. האט ער גישלאגין דיא אשה. אונ זיא האט מפיל גיוועזן אירע קינדער. דארף ער בצאהלין געלט פאר דיא קינדער. וויא בצאהלט מען דיא געלט פאר דיא קינדער. מען שאצט אפ דיא אשה וויא פיל איז זיא ווערט גיוועזן ואז מען וואלט איר פארקויפען פר אדינסטן איידער זיא האט מפיל גיוועזן דיא קינדער. והאט דאך דער בעל הבית גירעכענט דיא קינדער וועלין אמאהל זיין קנעכטו. אונ וויא פיל איז זיא ווערט דער נאך וויא דיא קינדער זענען שוין גיבארין. מען האט זייא מפיל גיוועזן. וויא פיל זיא איז איצט ווייניגער ווערט. אזוי פיל דארף דער מענטש וואס האט איר גישלאגין בצאהלין. רבן שמעון בן גמליאל זאגט אויב מען שאצט אזוי אז אאשה האט שוין גיבארין דאס קינד ווערט זיא בעסער. נאר מען שאצט דיא קינדער אונ דאס גיט ער צום מאן. פרעגט דיא גמרא וואס זאגט רבן גמליאל. האט רבה גזאגט אזוי זאגט רבן גמליאל איז דען אאשה וואס איז מעוברת מער ווערט איידער זיא האט גיבארין דאס קינד וויא זיא איז ווערט דער נאך וויא זיא האט שוין גיבארין דאס קינד. עס איז דאך פאר קערט אאשה איז מער ווערט דער נאך וויא זיא האט שוין גיבארין דאס קינד. וויא זיא איז

ווערט

את הולדות ונותנין לבעל:

(דף נ) **ג ת"ר** מעשה בבתו של נחוניא חופר שיחין שנפלה לבור גדול באו והודיעו את רבי חנינא בן דוסא שעה ראשונה אמר להם שלום שניה אמר להם שלום שלישית אמר להם עלתה אמרו לה מי העלך אמרה להם זכר של רחלים נזדמן לי וזקן אחד מנהיגו אמרו לו נביא אתה אמר להם לא נביא אנכי ולא בן נביא אנכי אלא כך אמרתי דבר שאותו צדיק מצטער בו יכשל בו זרעו א"ר אחא אעפ"כ מת בנו בצמא שנא' (תהלים נ) וסביביו נשערה מאד מלמד שהקב"ה מדקדק עם חסידיו אפילו כחוט השערה ר' נחוניא אומר מהכא (שם פט) אל נערץ בסוד קדושים רבה ונורא על כל סביביו. א"ר חנינא כל האומר הקב"ה ותרן הוא יותרו חייו שנאמר הצור

חופר ומוכר המקוות לרבים ועולי רגלים שותים מהם: שעה ראשונה. עדיין היא ראויה להיות חיה בתוך המים: אמר להם שלום. העלה וכן במים: שלישית. דהוה לה שעות שתצא נפשה אם ישהה שם: אמר להם כבר עלתה. ודאי כדאמרינן לקמן דפגיעא ליה דלא תמות שם: זכר של רחלים. אילו של יצחק: וזקן מנהיגו. זה אברהם: מצטער בו. לחפור בורות ומערות לעולי רגלים: עם סביביו. צדיקים הדבקים בו: נשערה מאד. ל' חוט השערה: ונורא על כל סביביו. מפיל אימת משפטו עליהם: ותרן. לעבור על כל פשעים: יוותרו חייו. יופקרו חייו וגופו שמוכרה

---

ווערט געוועזן איידער זיא האט געבארין דאס קינד. ווארום אז זיא איז געוועזן מעוברת איז זיא געוועזן אין סכנה טאמער וועט זיא שטארבין בייא דעם קינד האבען. דריבער פרעגט רבן שמעון בן גמליאל אויב מען וועט אזו שאצין וויא די משנה זאגט וועט ער גאר ניט דארפין געבין. ווארום אשה איז ווערט נאך דעם געבארין דאס קינד מער וויא זיא איז ווערט געוועזן ומיט די קינדער וואס זיא האט געהאט אין ב' יך) איידער זיא האט זייא געבארין. נאר מען שאצט די קינדער וויא פיל זייא זענען ווערט געוועזן אז זייא וואלטין געלעבט. אונ דאס געלט גיט מען דעם מאן:

**ג** תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט עס איז געוועזן איינער נחוניא וואס ער פלעגט גראבין ברונענס אין וועג. אז דיא יודין וועלין גיין אויף יום טוב אין ירושלים. זאלין זייא האבען אין וועג וואסער צוא טרינקען. האט אמאהל געטראפען אז דיא טאכטער פון דעם נחוניא איז אריין געפאלען אין אגרויסען ברונען. האט מען דאס געזאגט צוא רבי חנינא בן דוסא. דיא ערשטע שעה האט רבי חנינא געזאגט עס איז שלום. זיא וועט ארויף קומען. דיא אנדערע שעה האט אויך רבי חנינא געזאגט עס איז שלום. זיא וועט ארויף קומען. דיא דריטע שעה האט רבי חנינא געזאגט זיא איז שוין ארויף געקומען. האט מען געפרעגט בייא איר ווער האט דיך ארויף גענומען פון גרוב. האט זיא געזאגט עס איז געקומען אאלטער מאן וואס האט געפירט אזכר פון שעפסין (דאס איז געוועזן אברהם אבינו ער האט געפירט דעם איל פון יצחק) האט ער מיך ארויס גענומען פון גרוב. מען האט געזאגט צו רבי חנינא ביסטו דען אנביא וואס דוא האסט געוואוסט ווען זיא איז ארויס געגאנגען פון גרוב. האט רבי חנינא צוא זייא געזאגט איך בין ניט קיין נביא אונ איך בין ניט אזוהן פון אנביא. נאר אזוי האב איך געזאגט דיא זאך וואס דער צדיק האט פון איר צער געהאט. זאלין זיינע קינדער אין דעם געשטרויכעלט ווערין. דער צדיק נחוניא האט אזוי פיל צער געהאט צוא גראבין דיא ברונענס. זאלין זיינע קינדער אין אברונען געשטרויכעלט ווערין אונ שטארבין. דאס קען ניט זיין. רבי אחא זאגט פון דעסטוועגין איז אזוהן פון רבי נחוניא געשטארבין פון דארשט. ווארום עס שטייט אין פסוק וסביביו נשערה מאוד. די צדיקים וואס זענען ארום גאט ווערין געשטראפט אויף אהאר. גאט שטראפט זיינע חסידים אפילו אויף אעבירה וואס איז דין וויא אהאר. רבי נחוניא זאגט פון דעם פסוק אל נערץ בסוד קדושים רבה ונורא על כל סביביו. גאט איז שטארק אין דער פערזאמלונג פון פיל הייליגע מלאכים. אונ פארכטיג איז ער אויף אלע צדיקים וואס ארום אים זענען. רבי חנינא זאגט דער וואס זאגט גאט שיינקיט אויף דיא עבירות וואס מען טוהט. וועט געשיינקט ווערין זיין לעבין. זיין לעבין וועט זיין פרייא אונ ווער עס וועט וועלין וועט זיין לעבין צו נעמן: ווארום עס שטייט אין פסוק

דער

(דברים לב) הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט א״ר חנא ואיתימא ר׳ שמואל בר נחמני מ״ד (שמות לד) ארך אפים ולא כתיב ארך אף ארך אפים לצדיקים ולרשעים :

ד ת״ר לא יסקל אדם מרשותו לרה״ר מעשה באדם אחד שהיה מסקל מרשותו לרה״ר ומצאו חסיד אחד א״ל ריקה מפני מה אתה מסקל מרשות שאינה שלך לרשות שלך לגלג עליו לימים נצרך למכור שדהו והיה מהלך באותו רה״ר ונכשל באותם אבנים אמר יפה אמר לי אותו החסיד מפני מה אתה מסקל מרשות שאינה שלך לרשות שלך :

(דף נב) ה דרש ההוא גלילאה עליה דרב חסדא כדרגיז רעיא על ענא עביד לנגידא סמיתא :

(דף נד ע״ב) ו שאל רבי חנינא בן עגיל לרבי חייא בר אבא מפני מה בדברות הראשונים לא נאמר בהם טוב ובדברות האחרונים נאמר

אל הבריות להטות : ארך אף . משמע מאריך רוגז ומתחין מליפרע : ארך אפים . משמע שני רצונים א׳ של טובה וא׳ של רעה : לצדיקים . מלשלם בכל טוב לאלתר : ולרשעים . מליפרע מהם לאלתר :

לא יסקל . לפנות אבנים : מרשות שאינה שלך . שאתה עתיד אתה למוכרה : לרשות שלך . רה״ר כל ימי חייו הוא שלו : לגלג עליו . לא היה מכיר טעמו של דבר :

עביד לנגידא סמיתא . לעז שמושכת מקל עורת וגבלת ומפלה גבורות וכעדר אחריה כך כשהמקום נפרע מגולי ישראל ממנה להם פרנסים שאינם מהוגנים : נאמר בהן טוב . גבי כבוד אב ואם דכתיב למען ייטב לך : ושאת כו ט״ה שהונס לתבונה

---

דער באשעפער זיין ווערק איז גאנץ זיינע אלע וועגן איז מיט דין . רבי חנא האט געזאגט אנדערע זאגן רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט עס שטייט אין פסוק ארך אפים ער דער לייגערט צווי כעסן . עס דארף דאך שטיין ארך אף . ער דער לייגערט דעם כעס . נאר אזוי מיינט מען ארך אפים . גאט דער לייגערט צוויי ערליי ווילונס . ער דער לייגערט זיין ווילען צוא די צדיקים . ער באצאהלט ניט באלד זייער שכר . נאר ער ווארט ביז צוא עולם הבא . אונ ער דער לייגערט זיין ווילען צו די רשעים . ער שטראפט זיא ניט באלד . נאר ער ווארט ביז זיא שטארבין שטראפט ער זיא אין גיהנם :

ד תנו רבנן . א מענטש זאל ניט ארויס ראמען די שטיינער פון זיין פעלד אונ ווארפין אין די גאס . עס האט אמאהל גיטראפען א מענטש האט אויס גע אמט די שטיינער פון זיין פעלד אונ האט זיא גיווארפען אין גאס . האט אים גיטראפען א חסיד אונ האט גזאגט צו אים דוא נאר פאר וואס נעמסטו ארויס די שטיינער פון דעם ארט וואס ער איז ניט דיינער . אונ דוא ווארפסט זיא אויף אזוי אארט וואס ער איז דיינער . האט דער מענטש געלאכט פון דעם חסיד . אין אציית שפעטער האט דער מענטש גידארפט פאר קויפען זיין פעלד . אונ ער איז גיגאנגען אין דער גאס וואו ער האט גיווארפען די שטיינער . אונ ער איז ג שטרויכעלט גיווארין אונ איז גיפאלען דורך זיינע שטיינער וואס ער האט גיווארפען אין גאס . האט ער גזאגט אמת האט מיר גזאגט דער חסיד פאר וואס נעמסטו די שטיינער פון אזוי אארט וואס ער איז ניט דיינער אונ ווארפסט זיי אויף אארט וואס ער איז אייביג דיינער . די גאס גיהער דאך אייביג צוא אלע מענטשין :

ה דרש . איינער פון גליל האט גידרשת פאר רב חסדא אז דער פאסטוך ווערט אין כעס אויף די שעפסין מאכט ער בלינד דעם שעפס וואס גייט פאר אויס . זעהט ער ניט וואו צו גיין . פאלט ער אריין אין א גרוב . פאלען אלע אריין אין די גרוב . אזוי אז גאט ווערט אין כעס אויף די יודין מאכט ער אויף זייא ערצטע וואס זענען רשעים . אונ זייא פירען די יודען אין שלעכטין וועג :

ו שאל . רבי חנינא בן עגיל האט גיפרעגט ביי רבי חייא בר אבא פאר וואס ביא די ערשטע עשרה הדברות וואס עס שטייט אין די סדרה יתרו שטייט ניט למען ייטב לך . ביא כבד את אב ך ואת אמך . ביא די אנדערע עשרת הדברות וואס עס שטייט אין די סדרה ואתחנן שטייט יא למען ייטב לך ביי כבד אביך ואת אמך . האט רבי חייא גזאגט צוא רבי

חנינא

תוספות נפולה מתמרה לנוכה: ססשר. סיכה א נמדה כהלוכה.

(דף נה)נא' בהם טוב א"ל עד שאתה שואלני למה נאמר בהם טוב שאלני אם נא' בהם טוב אם לאו שאיני יודע אם נאמר בהם טוב אם לאו כלך אצל ר' תנחום בר חנילאי שהיה רגיל אצל ריב"ל שהיה בקי באגדה אזיל לגביה. א"ל כמנו לא שמעתי אלא כך אמר לי שמואל בר נחום אחי אמו של רבי אחא בר חנינא ואמרי לה אבי אמו של רבי זאחא בר חנינא הואיל וסופן להשתבר (וכי סיפן להשתבר) מאי הוי אמר רב אשי חס ושלום פסקה טובה מישראל. א"ר יהושע (בן לוי) הרואה ט"ת בחלומו סימן יפה לו מאי טעמא איליכא משום דכתיב טוב איסא (ישעיה יד) וטאטאתיה בכטאטא השמד, תד ט"ת קאמרינן, איכא (איכה א) טומאתה בשוליה ט"ת בי"ת קאמרינן איסא (שם ג) טבעו בארץ שעריה אלא הואיל ופתח בו הכתוב לטובה תחלה שמבראשית עד וירא אלהים את האור לא כתיב ט"ת וא"ר יהושע ב"ל הרואה הספד בחלומו חסו עליו מן השמים ופדאוהו וחני מילי בכתבא:

ז אמר שמואל אווז ואווז הבר כלאים זה בזה מתקיף לה רבא בר רב חנן מ"ט איליכא משום דהאי

---

תנינא אײדער דוא פרעגסט מיך פאר וואס שטײט בײ דיא אנדערע עשרת הדברות למען יטב לך, פרעג מיך אויב עס שטײט בײא די אנדערע דברות למען ייטב לך. אדער ניין. וואָרום איך ווײס גאר ניט אויב עס שטײט בײ דיא אנדערע דברות למען ייטב לך. אדער עס שטײט ניט. גײ צוא רבי תנחום בר חנילאי ער פלעגט זײן אָפט מאָהל בײ רבי יהושע בן לוי וואס ער ווײס די דרשות פון פסוקים. וועט ער דיר זאגן. איז רבי חנינא גיגאנגען צוא רבי תנחום. האט רבי תנחום גזאגט צוא רבי חנינא פון רבי יהושע בן לוי האב איך דאס ניט גיהערט. נאר אזוי האט מיר געזאגט שמואל בר נחום דער ברודער פון רבי אחא בר חנינאס מוטער. אנדערע זאגין דער פאטער פון רבי אחא בר חנינאס מוטער. ווייל גאט האט גיוואוסט אז דיא ערשטע לוחות וועלין צוא בראכען ווערין. דריבער האט מען ניט געשריבען אין זייא למען ייטב לך. פרעגט די גמרא צוא ווייל זייא וועלין צוא בראכען ווערין! ריבער שטײט ניט למען ייטב לך. הט רב אשי גזאגט ווען עס וואלט גישטאנען למען ייטב לך אונ דיא לחות ווענין צוא בראכען גיווארין. וואלט אפ גיבראכען גיווארין דיא גוטס פון דיא יודין. דריבער האט מען אין דיא ערשטע לחות ניט גישטעלט למען ייטב לך. נאר אין דיא אנדערע לחות וואס ווענין געבליבען גאנץ האט מען גישטעלט למען ייטב לך. רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס זעהט אט"ת אין חלום. איז אגוטער סימן. פרעגט דיא גמרא פר וואס איז אגוטער סימן. זאלין מיר זאגין ווייל ט"ת לייענט מען טוב. מען קען דאך לערנען טאטאתיה בטאטא השמד. איך וועל זייא אויס קערין מיט אבעזים פון פאר טיליגונג. ענטפערט דיא גמרא אים האט מען דאך געוויזען אין חלום איין ט"ת. מאכט דאס טוב. אבער טאטאתיה אדער מטאטא איז דאך צוויי טי"ן. פרעגט דיא גמרא טאמער האט מען גימיינט טומאתה בשוליה. ענטפערט דיא גמרא מען מיינט ער האט גיזעהן אין חלום אט"ת מיט אבי"ת. מאכט דאס טב. נו. פרעגט דיא גמרא טאמער מאכט דאס טבעו בארץ שעריה. ענטפערט דיא גמרא אפילו ער זעהט אט"ת אביין איז דאס אויך צוא גוטען. ווייל דער ערשטער ט"ת וואס שטײט אין דיא תורה איז צו גוטען. וואָרום פון בראשית ביז וירא אלהים את האור איז ניטא קיין ט"ת. אונ דער ערשטער ט"ת הייבט זיך אן מיט טוב. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט אז ער זעהט אין חלום דעם ווארט הספד געשריבען. איז דאס צוא גוטען. דס מאכט חסו עליו מן השמים ופדאוהו. מען האט אויף אים רחמנות גיהאט פון הימעל אונ מען האט אים אויס גילייזט. אבער נאר אז ער זעהט דעם ווארט הספד געשריבען:

ז אמר. שמואל האט גזאגט אגאנז אונ אווילדע גאנז זענען צוויי מינים. האט רבא בר רב חנן גיפרעגט פאר וואס זענען זייא צוויי מינים. מיר זאלין זאגין ווייל דער הט אלאנגע האלז

אונ

דהאי אריך קועיה והאי זוטר קועיה אלא מעתה גמלא פרסא ונמלא טייעא דהאי אלים קועיה והאי קטי קועיה ה"נ דהוו כלאים זה בזה אלא אמר אביי זה ביציו מבחוץ וזה ביציו מבפנים רב פפא אמר הא טעונה חדא ביעתא בשיחלא והא טעונה כמה ביעתא בשיחלא:

קועיה. חרטומו בל"ז: טייעא. ערבי: אלים קועיה. אלרו עב: קטין. דק: ביציו מבחוץ. ביצי הזכרות נכרין בחוץ דבר מבחוץ: בשיחלא. בטעינה אחת א' ז' דבר אינו טוען כיצה עד בתלד הכלאיה:

פטור מדיני אדם. דבר גרמא בנזקין פטור: הפורץ גדר. ויצאת הבהמה וברחה: הכופף קמתו. לגד הדליקה כדי שתבער בה האש:

מכאני אוכמי. מנהג הבלים: כופרא. בתמרים כבוסר

## הכונס פרק ששי

(ע"ג) א תניא א"ר יהושע ד' דברים העושה אותם פטור מדיני אדם וחייב בדיני שמים ואלו הן הפורץ גדר בפני בהמת חברו והכופף קמתו של חברו בפני הדליקה והשוכר עדי שקר להעיד והיודע עדות לחברו ואינו מעיד לו:

(דף נט) ב (אלעזר) [אליעזר] זעירא (ע"ג) הוה סיים כסאני אוכמי (והוה אז"ל) [וקאי] בשוקא דנהרדעא אשכחוהו דבי ריש גלותא ואמרי ליה מאי שנא הני כסאני אמר להו דקא מאבילנא אירושלים א"ל את (חשיבת) [חשיבא] לאתאבולי אירושלים סבור יוהרא הוא אתיוהו וחבשיהו אמר להו גברא רבא אנא אמרו ליה מנא ידעינן אמר להו או אתון בעו מנאי מלתא או אנא איבעי מנייכו מלתא אמרו ליה בעי את

---

און דר אקורצע האלז. דארף דאך זיין אקעמל פון פערסיע און אקעמל פון טירקיי אויך צוויי מינים. ווארום דר האט אגראבע האלז און דר אדינע האלז. האט אביי גזאגט אוילדע גאנדז איבר זענען זייניגע אייער פון אויס ווייניג. און אפראסטע גאנדז איבר זענען זייניגע אייער אינווייניג. רב פפא זאגט אווילדע גאנדז אנקבה טראגט פריער איין איי. און אז די איי ווערט גיבארין. טראגט זיא נאך אאיי. און אפראסטע גאנדז אנקבה טראגט עטליכע אייער מיט איין מאהל:

## פרק ששי

א תניא. מיר האבען גילערונט רבי יהושע זאגט פיר זאכין זענען דא דער וואס טוהט זייא. פון בית דין איז ער פטור. בית דין קענען אים ניט הייסין ער זאל בצאהלין. אבער גאט הייסט ער זאל בצאהלין. דאס זענען דיא פיר זאכין איינס איז אז ער בריכט אויס אוואנט פון זיין חברים אשטאל און זיין חברים בהמה איז ארויס גיגאנגען און איז אנטלאפין און מען ווייסט ניט ווא זיא איז. דאס אנדערע איז. אז ער האט גינומען זיין חברים שטייענדיגע תבואה און האט זיא איינגיבויגין צו אפייער און זיא זענען פאר ברענט גיווארין. דאס דריטע איז. ער האט גידונגען פאלשע עדות און זייא האבען עדות גיזאגט אז ראובן האט גיבארגט געלט ביא שמעון. דאס פערטע איז. אז איינער ווייסט עדות צו זאגן פאר זיין נבר און דורך זיינע עדות וואלט דער חבר גיקענט אפ נעמען זיין געלט וואס אים קומט ביא איינעם. און ער האט ניט גיוואלט עדות זאגן. און זיין חבר האט ניט אפ גינומען זיין געלט. האט ער אים שאדין גיטאהן:

ב אלעזר זעירא האט אן גיטאהן שווארצע שיך און איז גישטאנען אין דיא גאס פון נהרדעא. דיא מענטשין פון ריש גלותא האבען אים גיטראפין שטייענדיג. האבען זייא גיזאגט צו אים פאר וואס גייסטו אין שווארצע שיך ווארום פארצייטין פלעגין אלע גיין אין ווייסע שיך. האט אלעזר גיזאגט ווייל איך טרויער אויף ירושלים. האבען דיא מענטשין פון ריש גלותא גיזאגט צו אלעזר. ביסטו דען אזוי אגרויסער צדיק וואס דו טרויערסט אויף ירושלים. זייא האבען גימיינט דאס איז נאר אגרויסקייט. האבען זייא אים גינומען און האבען אים גיבונדען. האט אלעזר צו זייא גיזאגט איך בין אגרויסער למדן. האבען זייא גיזאגט צו אים פון וואנען

ווייסין

את אמר להו האי מאן דקץ כופרא מאי משלם אמ־ו ליה משלם דמי כופרא והא הוו תמרי (אלא) [אמרו ליה] משלם דמי תמרא אמר להו והא לאו תמרי שקיל מיניה אמרו ליה אימר לן את אמר להו בששים אמרו ליה מאן אמר כוותיך אמר להו הא שמואל הי ובית דינו קיים־שדרו קמיה דשמואל אמר להו שפיר קאמר לכו בששים ושבקוהו :

כבוסר בענבים : דמי כופרא . היינו כלום ולפי"ר ערכין : והא הוו תמרי . לאחר זמן : גמ' . עם קרקע דהכל בכלל שבקוהו קרקע בפירותיה מתוך עיניו קנה בגבנה שלאחר זמן :

(דף ס) ג א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן אין פורענות באה לעולם אלא בזמן שהרשעים בעולם ואינה מתחלת אלא מן הצדיקים תחלה שנאמר (שמות כב) כי תצא אש ומצאה קוצים אימתי אש יוצאה בזמן שהקוצים מצויין לה ואינה מתחלת אלא מן הצדיקים תחלה שנא' ונאכל גדיש (ואבל) [ויאכל] גדיש לא נאמר אלא ונאכל גדיש שנאכל גדיש כבר . תני רב יוסף מ"ד (שם יב) ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר כיון שניתן רשות למשחית אינו מבחין בין צדיקים לרשעים ולא עוד אלא שמתחיל מן הצדיקים תחלה

---

ווייכן מיר אַז דו בּיסט אַלמָן. האָט אֶלְעָזָר צוּ זייא גיזָאגְט אָדֶער איר זָאלְט פְרֶעגֶן בּייא מ״ר אַזאָך . אָדֶער איך וועל פְרֶעגֶן פוּן אַייך אַזאָך . הָאבֶּען זייא גיזָאגְט צוּא אֶלְעָזָר פְרֶעג דוּ . האָט אֶלְעָזָר צוּ זייא גיזָאגְט דֶער וואס האָט אָפּ גיהַאקְט אוּמצַייטִיגֶע טֵייטְלֶען וואס זָאל עֶר בֵּצָאהלֶין. הָאבֶּען זייא גיזָאגְט צוּ אִים עֶר בַּצָאהלְט וויא פִיל דיא אוּמצַייטִיגֶע טֵייטְלֶען זֶענֶען ווערְט גיוֶוען . הָאט אֶלְעָזָר גיזָאגְט זייא וואלטֶין דָאךְ גיוָוארִין צַייטִיגֶע טֵייטְלֶען וָואלטִין זייא דָאךְ מֶער ווֶערְט גיוֶוען . הָאבֶּען זייא גיזָאגְט צוּ אֶלְעָזָר עֶר בּצָאהלְט וויא פַאר צַייטִיגֶע טֵייטְלֶען . הָאט אֶלְעָזָר צוּ זייא גיזָאגְט עֶר הָאט דָאךְ נִיט גינוּמֶען פוּן אִים צַייטִיגֶע טֵייטְלֶען . פַאר וואס זָאל עֶר צָאהְלִין פַאר צַייטִיגֶע טֵייטְלֶען . הָאבֶּען זייא גיזָאגְט צוּ אֶלְעָזָר זָאג דוּ וויא פִיל זָאל עֶר בֵּצאהְלִין . הָאט אֶלְעָזָר צוּ זייא גיזָאגְט מֶען שאֶצְט מִיט זֶעכְצִיג בּוימֶער : אַז אֵיינֶער וָואלְט גיקוֹיפְט אַ פֶעלְד מִיט זֶעכְצִיג טֵייטְל בּוימֶער וואס אוֹיף זייא אִיז דא אוּמצַייטִיגֶע טֵייטְלֶען . וויא פִיל עֶס אִיז בֵּצָאהלְט פַאר דיא טֵייטְלֶען פוּן אֵיין בּוים . אַזוֹי פִיל זָאל עֶר אִים בֵּצָאהְלִין פַאר דיא טֵייטְלֶען וואס עֶר הָאט אָפּ גיהַאקְט . הָאבֶּען זייא גיזָאגְט צוּ אֶלְעָזָר ווער זָאגְט אַזוֹי וויא דוּ . הָאט אֶלְעָזָר צוּ זייא גיזָאגְט שְׁמוּאֵל לֶעבְּט אוּנ זַיין בֵּית דִין לֶעבְּט אוֹיךְ : הָאט מֶען גֶעשִׁיקְט פְרֶעגֶן בּייא שְׁמוּאֵל וויא דֶער דִין אִיז . הָאט שְׁמוּאֵל צוּ זייא גיזָאגְט אֶלְעָזָר הָאט אַייךְ גוּט גיזָאגְט אַז מֶען שאֶצְט מִיט זֶעכְצִיג בּוימֶער . הָאבֶּען זייא אָפּ גילָאזְט דֶעם אֶלְעָזָר זְעִירָא :

ג אָמַר . רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט גיזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן ווֶעט קֵיין שְׁטְרָאף קוּמֶט נִיט אוֹיף דֶער וועלְט . נָאר ווען רְשָׁעִים זֶענֶען דָא אוֹיף דֶער וועלְט . אוּנ דיא שְׁטְרָאף הֵייבְּט נָאר אָן פוּן דיא צַדִּיקִים . אַזוֹי וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז עֶס ווֶעט אַרוֹיס גֵיין אַפַייעֶר אוּנ זִיא ווֶעט טְרֶעפִין דֶערנֶער . ווען גֵייט אַרוֹיס אַפַייעֶר . ווען עֶס אִיז דָא דֶערנֶער ווען גֵייט אַרוֹיס אַפַייעֶר פוּן גָאט צוּ שְׁטְרָאפִין דיא וועלְט . נָאר אַז עֶס אִיז דָא דֶערנֶער . רְשָׁעִים אוּנ דיא שְׁטְרָאף הֵייבְּט אָן נָאר פוּן צַדִּיקִים . אַזוֹי וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְנֶאֱכַל גָּדִישׁ . עֶס שְׁטֵייט נִיט וְיֹאכַל גָּדִישׁ . עֶר ווֶעט פַאר בְּרֶענֶען דֶעם שַׁייעֶר . נָאר עֶס שְׁטֵייט וְנֶאֱכַל גָּדִישׁ . דֶער שַׁייעֶר אִיז שׁוֹין לַאנג פַאר בְּרֶענְט גיוָוארִין . נָאךְ אֵיידֶער דיא דֶערנֶער בְּרֶענֶען . וואס מֵיינְט מֶען דיא צַדִּיקִים זֶענֶען פְרִיעֶר גִישְׁטְרָאפְט גיוָוארִין . נָאךְ אֵיידֶער דֶער שְׁטְרָאף הָאט אָן גיהוֹיבִּין בּייא דיא רְשָׁעִים . רַב יוֹסֵף הָאט גילֶערְנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ווען גָאט הָאט גיהַרְגֶּ׳ת דיא בְּכוֹרִים פוּן מִצְרַיִם הָאט עֶר גיזָאגְט צוּ דיא יוּדִין איר זָאלְט נִיט אַרוֹיס גֵיין קֵיין מֶענְטְשׁ פוּן דיא טִיר פוּן זַיין שְׁטוּבּ בִּיז פְרִיא . ווארוּם ווייל עֶס אִיז גיגֶעבִּין גיוָוארִין עֶרלוֹיבְּנִיס צוּ דֶעם פַארדַארְבֶּער עֶר זָאל בַּרְגֶנִין . קוּקְט עֶר גָאר נִיט אוֹיף צַדִּיקִים אָדֶער רְשָׁעִים . נָאר ווֶעמֶען עֶר טְרֶעפְט הַרְגֶּ׳ת עֶר . דְרִיבֶּער הָאט מֶען גיהֵייסִין אַלֶע יוּדִין זָאלִין זַיין אִיז דֶא שְׁטוּבִּין . נָאךְ מֶער טוּהט דֶער פַארדַארְבֶּער

עֶר

התחלה שנאמר (יחזקאל כא) והכרתי ממך צדיק ורשע בכי רב יוסף כולי האי נמי לאין דומין א"ל אביי טיבותא הוא לגבייהו דכתיב (ישעיה נז) כי מפני הרעה נאסף הצדיק א"ר יהודה אמר רב (ע"ג) לעולם יכנס אדם בכי טוב ויצא בכי טוב שנא' (שמות יב) ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר . ת"ר דבר בעיר כנס רגליך שנאמר ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר ואומר (ישעיה כו) לך עמי בא בחדריך וסגור דלתיך בעדך ואומר (דברים לב) מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה מאי ואומר וכ"ת ה"מ בליליא אבל ביממא לא ת"ש לך עמי בא בחדריך וסגור דלתיך וכ"ת ה"מ היכא דליכא אימה מגואי אבל היכא דאיכא אימה מגואי כי נפיק יתיב ביני אינשי בצוותא דעלמא טפי מעלי ת"ש מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה אע"ג דמחדרים אימה מחוץ תשכל חרב . רבא בעידן ריתחא הוה סבר

ה"ג כולי האי נמי לאין דומין . כלומר להכל חשובים כצדיקים שקודמין לפורענות : טיבותא הוא . שלא יראו ברעה העתידה לבא דכתיב וכו' : בכי טוב . בעוד שמש זורחת ילין במלון ולא ימתין עד שתחשך ולבקר לא ישכים לצאת עד שיאיר : כי טוב . לישנא מעליא האור כי טוב כלומר טוב הוא לצאת בו ולהכנס בו מפני המזיקים והלסטים : חרב . חרבו של מלאך המות : אימה . אימת מות של מלאך ולא בגלוי כל כך : ריתחא .

ער הייבט אן צו הרגנן די צדיקים פריער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל פארשניידין פון דיר א צדיק אונ א רשע . פריער דעם צדיק דער נאך דעם רשע . רב יוסף האט געוויינט אזוי פיל זאל מען ארבעטין אין תורה אונ אין מצות . דער נאך וועגן די צדיקים גלייך צו גאר נישט : ווארום זייא ווערין געשטראפט פריער וויא די רשעים . האט אביי געזאגט צו רב יוסף דאס איז א טובה פאר די צדיקים וואס זייא שטארבין פריער אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי מפני הרעה נאסף הצדיק . דער צדיק שטארבט פריער ער זאל ניט זעהן די שלעכטס וואס עס וועט קומען אויף דער וועלט . רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין אז א מענטש גייט אדער ער פארט אין וועג זאל ער ניט גיין אונ נישט פארין ביי נאכט . נאר ער זאל ארויין גיין אין א גאסט הויז ווען עס איז נאך ליכטיג ווען די זוהן שיינט נאך אונ ער זאל ניט אוועק גיין פון גאסט הויז אין דער פריא . ביז די זוהן וועט אויף שיינען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט צו די יודין אין מצרים קיין מענטש פון אייך זאל ניט ארויס גיין פון די טיר פון זיין שטוב ביז עס וועט ווערין טאג . די רבנן האבען געלערנט אז עס איז א מגפה אין שטאט זאל מען איין זאמלען דיינע פיס אין שטוב . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט צו די יודין אין מצרים קיין מענטש פון אייך זאל ניט ארויס גיין פון די טיר פון זיין שטוב ביז עס וועט ווערין טאג . ווייל ביי נאכט איז געוועזן א מגפה אין מצרים . נאך זאגט דער פסוק גיי מיין פאלק קום אין דיינע שטובין אונ פארשליס דיינע טירען פון דיינעטוועגין . נאך זאגט דער פסוק אויף די נאס הרגות דער שווערד פון מלאך המות אונ אין די שטובין איז די מורא פאר דעם מלאך המות . פרעגט די גמרא מיר ווייסין דאך שוין פון דעם פסוק פון מצרים אז מען דארף זיין אין שטוב ווען עס איז א מגפה . צוא וואס ברייגגט מען נאך א פסוק . נאר פון מצרים וואלטין מיר מיינען אז נאר ביי נאכט דארף מען זיין אין שטוב . אבער ניט ביי טאג . דריבער ברייגגט מען דעם אנדערין פסוק גייא מיין פאלק קום אין דיינע שטובין אונ פארשליס דיינע טירען . אפילו ביי טאג אויך . נאר טאמער וועסטו זאגין ווען דארף מען זיין פארשלאסין אין שטוב . ווא אין שטוב איז ניטא קיין מורא . אבער אז אין שטוב איז אויך דא א מורא . וואלט איך זאגין אז ער וועט גיין אין גאס זיצען צווישען מענטשין ער זאל פרייליכער ווערין איז בעסער . דריבער ברייגגט מען דעם דריטען פסוק . אין די גאס הרגות דער שווערד פון מלאך המות . אונ אין שטוב איז דא די מורא פון מלאך המות . אזוי מיינט דער פסוק אפילו אין שטוב איז אויך דא א מורא פון מלאך המות . פון דעסטוועגין זאל מען זיצען אין שטוב . ווייל אין גאס הרגות דער שווערד פון מלאך המות ; איז אלע מאהל אין גאס ערגער וויא אין שטוב . ווען עס איז געוועזן א בעס פון גאט אונ עס איז געוועזן א מגפה . פלעגט רבא פארמאכין די

פענכטער

סבר כוי דכתיב (ירמיה ט) כי עלה מות בחלונינו. ת"ר רעב בעיר פזר רגליך שנא' (בראשית יב) ויהי רעב בארץ וירד אברם מצרימה לגור שם ואומר (מ"ב ז) אם אמרנו נבא העיר והרעב בעיר ומתנו שם מאי ואומר וכ"ת ה"מ היכא דליכא ספק נפשות אבל היכא דאיכא ספק נפשות לא ת"ש (שם) לכו ונפלה אל מחנה ארם אם יחיונו נחיה. ת"ר דבר בעיר אל יהלך אדם באמצע הדרך מפני שמלאך המות מהלך באמצע הדרכים דכיון דיהיבא ליה רשותא מסגי להדיא. שלום בעיר אל יהלך אדם בצדי דרכים דכיון דלית ליה רשותא מחבא חבוי ומסגי. ת"ר דבר בעיר אל יכנס אדם יחידי לבית הכנסת שמלאך המות מפקיד שם כליו. וה"מ היכא דלא קרו ביה דרדקי ולא מצלו ביה עשרה. ת"ר כלבים בוכים מלאך המות בא לעיר כלבים משחקים אליהו [הנביא] בא לעיר. וה"מ דלית בהו נקבה:

פירוש: דבר: כבר. כוי פתח הלונות: אם אמרנו וגו'. בד' אשים מלו"עים: דליכא ספק נפשות. במקום שיגלה שם: ת"ש. כיפיה דקין ועתה לכו ונפלה אל מחנה ארם גו': דלית בהו נקבה. דכהה משום נקבה כול דעגדי:

ד יתיב רב אמי ורב אסי קמיה דרבי יצחק נפחא מר א"ל לימא מר שמעתתא ומר א"ל לימא מר אגדתא פתח למימר אגדתא ולא שביק מר פתח למימר שמעתתא ולא שבק

---

פענסטער. ווייל עס שטייט אין פסוק דער טויט איז אויף גיגאנגען אין אונזערע פענסטער. דיא רבנן האבען גילערנט אז עס איז אהונגער אין שטאט זאלסטו פארשפרייטן דיינע פיס. זאלסטו אוועק גיין פון דיא שטאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז גיוועזן אהונגער אין לאנד האט אברם גענידערט אין מצרים צו וואהנען דארטין. נאך זאגט דער פסוק דיא פיר קרעציגע מענטשין האבען גיזאגט אויב מיר וועלין זאגין מיר וועלין אריין קומען אין שטאט איז אהונגער אין שטאט וועלין מיר דארט שטארבין. צו וואס ברייננט מען דעם אנדערין פסוק. נאר טאמער וועסטו זאגין ווען זאל מען אנטלויפין פאר דעם הונגער. אז ער וועט קענען קומען אויף אזעלכין ארט. אבער אז ער וועט קומען אויף דעם ארט וואו עס איז ניטא דער הונגער. איז ער אין אסכנה. טאמער וועט מען אים הרגנן. זאל ער ניט לויפין צו דעם ארט. נאר ער זאל זיצען אין דיא שטאט וואו דער הונגער איז. שטייט אין פסוק דיא קרעציגע האבען גיזאגט איידער מיר זאלין קומען אין שטאט וואס דארט איז אהונגער. וועלין מיר בעסער גיין צו דיא מחנה ארם. אפילו אין דיא מחנה ארם זענען מיר אין סכנת נפשות. פין דעסטוועגין וועלין מיר אהין גיין טאמער וועלין זייא אונז לאזין לעבין. דיא רבנן האבען גילערנט אז עס איז אמגפה אין שטאט זאל אמענטש ניט גיין אין מיטען גאס. ווייל דער מלאך המות גייט אין מיטען גאס. ווייל ער האט ערלויבנים צו הרגנן גייט ער פרייא אין מיטען גאס. ווען עס איז שלום אין שטאט. זאל אמענטש ניט גיין אין דיא זייטין פון גאס. ווייל דער מלאך המות האט ניט קיין ערלויבנים צוא הרגנן באהאלט ער זיך אונ גייט בייא דער זייט. דיא רבנן האבען גילערנט ווען עס איז אמגפה אין שטאט זאל אמענטש ניט אריין גיין אליין אין אשוהל. ווייל דער מלאך המות באהאלט דארט זיינע כלים. דאס איז נאר אויב אין דיא שוהל לערנען ניט קיין קליינע קינדער אונ עס דאווענען ניט צעהן מענטשין. אבער אז אין דיא שוהל לערנען קליינע קינדער אדער עס דאווענען צעהן מענטשין. אין דיא שוהל קומט ניט דער מלאך המות מעג מען אין איר אריין גיין אליין. דיא רבנן האבען גילערנט אז הינט וויינען איז אסימן אז דער מלאך המות איז גיקומען אין שטאט. אז הינט פרייען זיך איז אסימן אז אליהו הנביא איז גיקומען אין שטאט. נאר אז עס איז ניטא אנקבה צווישען זייא. דיא אלע הינט וואס דארט שטייען זענען אלע זכרים. אבער אז צווישען זייא איז דא אהונט אנקבה. פרייען זייא זיך מיט דיא נקבה. אבער אליהו איז נאר נישטא אין שטאט:

ד יתיב. רב אמי אונ רב אסי זענען גיזעסין פאר רבי יצחק נפחא. איינער האט גיבעטין בייא

שביק מר אמר להם אמשול לכם משל לכה הדבר דומה לאדם שיש לו שתי נשים אחת ילדה ואחת זקנה ילדה מלקטת לו לבנות זקנה מלקטת לו שחורות נמצא קרח מכאן ומכאן אמר להם אי הכי אימא לכו מלתא דשויא להרוייכו (שמות כב) כי תצא אש ומצאה קוצים תצא מעצמה שלם ישלם המבעיר את הבערה אמר הקב"ה עלי לשלם את הבערה שהבערתי אני הצתי אש בציון שנאמר (איכה ד) ויצת אש בציון ותאכל יסודותיה ואני עתיד לבנותה באש שנא' (זכריה ב) ואני אהיה לה חומת אש סביב ולכבוד אהיה בתוכה : שמעתתא פתח הכתוב בנזקי ממונו וכו':

דשויא להרוייכו . אגדתא ושמעתתא ודבר אחד ושניהם שוים בה שהתחלו ו' חסלו בה : כי תצא מעצמה . אתחו גרמנו לו שקלקלנו והבעירה הקב"ה נשלם כאילו הוא הבעירה : [אמר בבעל . סנהדרין זקני הבעל] : טמון באש קא מיבעיא ליה . מעשה בא לשאול במחנה שבא כפו אנשיו גדיש של ישראל והולך לשאול הלכה אם חייבים לשלם כלים הטמונים בתוכו כרבי יהודה או פטורים כרבנן : [גדישין דשעורין הוו .

(ש"ב כג) ן ויתאוה דוד ויאמר מי ישקני מים מבור בית לחם אשר בשער ויבקעו שלשת הגבורים [במחנה פלשתים וישאבו מים מבור בית לחם אשר בשער וגו'] מאי קא מיבעיא ליה אמר רבא טמון באש קא מיבעיא ליה (וכו') [אי כרבי יהודה אי כרבנן ופשטו ליה מה דפשטו ליה רב הונא אמר גדישים דשעורים דישראל הוו דהוו מטמרי

---

ביי רבי יצחק ער זאל זאגין אדין . דער אנדערער האט גיבעטין ביי רבי יצחק ער זאל זאגין אגדתא . האט רבי יצחק אן גיהויבען צוא זאגין אגדתא . האט דער ניט גילאזין . האט רבי יצחק אן גיהויבען צוא זאגין אדין . האט דער אנדערער ניט גילאזין . האט רבי יצחק צוא זייא גזאגט איך וועל אייך זאגין אמשל . צו וואס איר זענט גלייך : אמענטש האט אמאהל גיהאט צוויא ווייבער איינע איונגע אונ איינע אאלטע . דיא יונגע ווייב האט אויס געקליבען דיא ווייסע האר פון זיין בארד אונ האט זייא אויס געריסען . ער זאל אויס זעהן יונג . דיא אלטע ווייב האט אויס געקליבען דיא שווארצע האר פון זיין בארד אונ האט זייא אויס געריסען . ער זאל אויס זעהן אלט . דער וויל האט ער גאר ניט גיהאט קיין בארד : איר זענט אויך אזוי . דער לאזט ניט זאגין אגדתא . דער לאזט ניט זאגין אדין : דער וויל זאגט מען גאר ניט . רבי יצחק האט גזאגט צוא זייא אויב אזוי איז . וועל איך אייך זאגין אזאך וואס עס איז גלייך פאר אייך ביידע . עס איז אדין אונ אגדתא . עס שטייט אין פסוק אז עס וועט ארויס גיין אפייער אונ זיא וועט טרעפין דערנער . דער פייער וועט ארויס גיין פון זיך אליין . זאל בצאהלין פאר דעם שאדין דער וואס האט אן גיצונדען דעם פייער : גאט האט גזאגט איך דארף בצאהלין פאר דעם פייער וואס איך האב אן געצונדען . איך האב אן געצונדען אפייער אין ציון . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער הט אן געצונדין אפייער אין ציון אונ עס האט פאר ברענט אירע פונדאמענטין . אונ איך בין אן גיברייט איך זאל איר אויף באהען מיט פייער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ איך וועל זיין צו איר אמאהער פון פייער ארום אונ צוא כבוד וועל איך זיין אין איר . ווער נאך האט ער גיזאגט פון דעם פסוק אדין :

ה ויתאוה . דוד האט גיגלוסט אונ האט גיזאגט ווער וועט מיר געבין טרינקען וואסער פון דעם ברונען וואס אין בית לחם וואס ער איז אין טויער . האבען דרייא שטארקע מענטשין דורך גישפאלטין אין דיא מחנה פלשתים אונ זייא האבען אן גישעפט וואסער פון דעם ברונען וואס אין בית לחם וואס ער איז אין טויער . זאגט דיא גמרא דיא וואסער וואס עס שטייט אין פסוק מיינט מען דאך ניט וואסער . נאר מען מיינט תורה . דוד האט גיוואלט וויסען אדין . וועלכין דין האט ער גיוואלט וויסען . האט רבא גיזאגט עס האט גיטראפין אין דער מחנה אז דיא מענטשין פון דוד האבען פארברענט אשייער מיט תבואה . אונ אין דעם שייער איז גיוועזען בעהאלטין כלים . האט דוד גיפרעגט אויב מען דארף בצאהלין פאר דיא כלים אויך . אדער פאר דיא כלים דארף מען ניט בצאהלין . אויב דער דין איז וויא רבי יהודה . דארף מען בצאהלין פאר דיא כלים אדער דער דין איז וויא דיא רבנן דארף מען ניט בצאהלין פאר דיא כלים . והאט מען

איס

אקרא כמיך דכתיב ותהי חלקת השדה מלאה שעורים : מלך פורץ . גדר שדה אחרים לעשות לו דרך ולאוכלוסיו דאמריק בב"ב דרך המלך אין לה שיעור] :
מכדי גמרא שלחו ליה . לא נצרך אלא ללמוד

פלשתים בהו וקא מיבעיא ליה מהו להציל עצמו בממון חבירו שלחו ליה אסיר להציל עצמו בממון חבירו אבל אתה מלך וכלך פורץ לעשות דרך ואין מוחים בידו . ורבנן ואיתימא רבה בר מרי אמר גדישים דשעורים דישראל הוו וגדישים דעדשים דפלשתים וקא מיבעיא להו מהו ליטול גדישים של שעורים דישראל ליתן לפני בהמתו על מנת לשלם גדישים של עדשים דפלשתים שלחו ליה (יחזקאל לג) חבול ישיב רשע גזלה ישלם אע"פ שגזילה משלם רשע הוא אבל אתה מלך ומלך פורץ לעשות לו דרך ואין מוחין בידו] :·

(דף סא) ז ובשלמא למ"ד הני תרתי היינו דכתיב ולא אבה דוד לשתותם אמר כיון דאיכא איסורא לא ניחא לי אלא למ"ד] טמון באש קא מיבעיא ליה מכדי גמרא הוא דשלחו ליה מאי לא אבה דוד לשתותם דלא אמרינהו משמייהו אמר כך מקובלני מבית דינו של שמואל הרמתי כל המוסר עצמו לכות על דברי תורה אין אומרים דבר הלכה משמו :

(דף סג) ח א"ל רב אדא בריה דרב אויא לרב אשי מה בין גזלן לחמסן אמר ליה חמסן יהיב

---

אים גיענפערט וואס מען האט אים געענפערט). רב הונא זאגט עס איז געוועזן שייערן מיט גערשטין יודישע . אונ די פלשתים פלעגין זיך בעהאלטין אין די שייערן . האט דוד געפרעגט אויב ער מעג זיך מציל זיין מיט פרעמדע געלט . אויב ער מעג פאר ברענען די פרעמדע שייערן גערשטין די פלשתים וואס אין די שייערן זאלין אויך פארברענט ווערין . האט מען געשיקט צוא אים זאגין אמענטש טאר זיך ניט מציל זיין מיט פרעמדע געלט . נאר דו ביסט דאך א מלך . אונ א מלך מעג אויס ברעכין א פרעמדע וואנט אונ מאכין א וועג אין א פרעמדע פעלד פאר זיך אונ פאר זיין חיל . אונ מען טאר אים ניט ווערין . דריבער מעג ער פאר ברענען די פרעמדע שייערין אויך זיך מציל צוא זיין . אונ די רבנן זאגין . אנדערע זאגין רבה בר מרי האט גיזאגט . עס איז געוועזן יודישע שייערין מיט גערשטין . אונ עס איז געוועזן שייערין פון פלשתים מיט ארבעס . האט דוד גיפרעגט אויב מען מעג געמען די יודישע שייערין מיט גערשטין געבין פאר א בהמה אויף דעם תנאי צוא בצאהלין די שייערין מיט ארבעס פון די פלשתים . פאר די גערשטין . האבען די רבנן געשיקט צו דוד עס שטייט אין פסוק חבול ישיב רשע גזלה ישלם . אפילו מען בצאהלט די גזלה פון דעסטוועגין איז מען א רשע . נאר דו ביסט א מלך אונ א מלך מעג אויסברעכין א פרעמדע וואנט אונ מאכין א וועג אין א פרעמדע פעלד פאר זיך אונ פאר זיין חיל . אונ מען טאר אים ניט ווערין :

ז בשלמא שפרעגט די גמרא נאך דעם וואס זאגט די צווייא זאכין (וויא רב הונא אונ וויא רבה בר מרי) איז רעכט וואס עס שטייט דוד האט ניט גיוואלט טרינקען די וואסער (דאס מיינט מען דוד האט ניט גיוואלט לערנען דעם דין וויא מען האט געשיקט צוא אים) . ווארום ער האט גיזאגט ווייל עס איז אסור צוא אלע מענטשין וויל איך דאס אויך ניט טאהן . אבער דער וואס זאגט אז דוד האט גיפרעגט אויף די בעהאלטענע כלים וואס זענען פאר ברענט געווארין אין שייער אויב מען דארף פאר זייא בצאהלין אדער ניין . האבען דאך די רבנן אים געשיקט זאגין אויב ער איז פטור אדער חייב . פאר וואס האט דוד ניט גיוואלט טרינקען (פאר וואס האט ער ניט גיוואלט לערנען דעם דין) . ענטפערט די גמרא דעם דין האט דוד גילערונט . נאר ער האט ניט גיוואלט זאגין דעם דין אין זייער נאמען . ער האט גיזאגט אזוי האב איך גילערונט בייא דעם בית דין פון שמואל הרמתי דער וואס שטעלט איין זיין לעבין אויף דער תורה . זאגט מען ניט קיין דין פון זיינעטוועגין :

ח אמר . רב אדא דער זוהן פון רב אויא האט גיזאגט צו רב אשי וועלכער הייסט גזלן

אונ

יהיב דמי גזלן לא יהיב דמי א"ל אי יהיב דמי הממן קרית ליה והא א"ר הונא תליוה וזבין זביניה זבינא לא קשיא הא דאמר רוצה אני הא דלא אמר רוצה אני :

הלכה כגון שסגהו לו ומלוי ולא אכה שנשתרש. עשה שרשים כלומר נתחזק בחטא שכפל דמכי מעשיו : בקוזזות. מוט"ש מתן פיסת לגביה כביכות הג נולים להודיע שהיא כרם רבעי ואסור בלא פדיון : דאיכא הנאה מינה. לאחר זמן במכישם

## מרובה פרק שביעי

(דף סה ע"ב) **א אמר** רבא שור בן יומו קרוי שור איל בן יומו קרוי איל שור בן יומו קרוי שור דכתיב (ויקרא כב) שור או כשב או עז כי יולד איל בן יומו קרוי איל דכתיב (בראשית לא) ואילי צאנך לא אכלתי אילים הוא דלא אכל כבשים אכל אלא לאו ש"מ איל בן יומו קרוי איל :

(דף סח ע"ב) **ב תניא** א"ר עקיבא מפני מה אמרה תורה טבח ומכר משלם תשלומי ד' וה' מפני שנשתרש בחטא רבא אמר מפני שִׁנה בחטא :

(דף סט:) **ג תנן** כרם רבעי היו מציינין אותו בקוזזות אדמה סימנא כי אדמה מה אדמה איכא הנאה מינה אף האי נמי כי מפרק שרי לאיתהנויי מינה

---

און װעלכער הייסט הממן. האט רב אשי געזאגט דער הממן נעמט אװעק די זאך ביי זיין חבר. און ער בצאהלט אים װיא פיל די זאך קאסט. דער גזלן נעמט צװעק און בצאהלט ניט. האט רב אדא געזאגט אז ער בצאהלט פאר װאס רופט מען אים חממן. רב הונא האט דאך געזאגט אז מען האט געזאגט צוא איינעם אויב דוא װעסט ניט פאר קויפן די זאך װעט מען דיך אויף הייגען. און ער האט פאר קויפט. איז דאס א גוטע פארקויפונג. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אז ער האט געזאגט איך װיל פארקויפן. איז דאס פאר קויפט. און אז ער האט ניט געזאגט איך װיל פארקויפן. איז דאס ניט פארקויפט נאר עס איז גלייך װיא געגזלט :

## פרק שביעי

**א** אמר: רבא האט געזאגט אאקס דעם זעלביגען טאג װאס ער װערט געבאהרין. הייסט ער אאקס. אאיל דעם זעלביגען טאג װאס ער װערט געבארין. הייסט ער אאיל. פון װאנען װייסין מיר אז אאקס דעם זעלביגען טאג װאס ער װערט געבארין הייסט ער אאקס. װארום עס שטייט אין פסוק אאקס אדער אשעפס אדער אציג אז זייא װעלין געבארין װערין. װען ער װערט געבארין איז ער שוין אאקס. און פון װאנען װייסין מיר אז אאיל דעם זעלביגען טאג װאס ער װערט געבארין הייסט ער אאיל. װארום עס שטייט אין פסוק יעקב האט געזאגט צוא לבן די אילים פון די שעפסין האב איך ניט געגעסין. אילים האט ער ניט געגעסין. אבער שעפסין האט ער יא געגעסין. נאר אזוי האט יעקב געמיינט אפילו די קליינע אילים װאס זענען נאר װאס געבארין געװארין פון די שעפסין. האב איך אויך ניט געגעסין. און װייל ער רופט זייא אילים זעהן מיר אז אאיל דעם טאג װאס ער איז געבארין געװארין װערט ער שוין גערופין איל :

**ב** תניא. מיר האבען געלערונט רבי עקיבא זאגט פאר װאס האט די תורה געזאגט אז ער האט גינבה אאקס אדער אשעפס און ער האט אים געשאכטין אדער פאר קויפט דארף ער בצאהלין פאר דעם אקס פינף קסין און פאר דעם שעפס פיר שעפסין. װייל ער איז איין געװארצילט געװארין אין די עבירה. רבא זאגט װייל ער האט צװיי מאהל געזינדיגט. איין מאהל װאס ער האט גינבה. און דאס אנדערע מאהל װאס ער האט געשאכטען אדער פאר קויפט :

**ג** תנן. מיר האבען געלערונט אז איינער פלאנצט אװיין גארטין די פירות פון די ערשטע דרייא יאהר איז ערלה און מען מאר ניט הנאה האבען פון זייא. און די פירות פון דעם פערטין יאהר מוז מען פירען אין ירושלים. און דא טרעכט מען זייא. און אויב ער װיל ניט פירען

וזריעה וקלירה : אף האי נמי . איכא הנאה מיניה כפדיון : חרסית . כתותי רעפים טיגול"א בלע"ז : וממחה ושופך . ממחה את הסיד במים ושופך סביבות הקבר : בד"א . דעבדינן להו היכרא לעוברים ושבים : בשביעית . שהיא הפקר ובהיתר הם באים לאכול : אבל בשאר שני שבוע . שהם באים לגזול יזהרו ויאכלו דבר האסור והלעיטהו לרשע וימות :

[הרי זו תמורת עולה דר"מ . ואיהו ליה לר"מ תפוס

מינה ושל ערלה בחרסית סימנא כחרסית מה חרסית שאין הנאה מיניה אף האי לית ביה הנאה מיניה ושל קברות בסיד סימנא דחיור לעצמות וממחה ושופך כי היכי דניחוור טפי אמר רשב"ג בד"א בשביעית דהפקר נינהו אבל בשאר שני שבוע הלעיטהו לרשע וימות והצנועים מניחין את המעות ואומרים כל הנלקט מזה מחולל על המעות הללו :

(דף עג ע"ב) **ד** וסבר ר' יוסי תוך כדי דבור כדבור דמי והתנן הרי זו תמורת עולה

דיא פירות אין ירושלים . טאהשט ער זייא אויס אויף געלט . אונ דיא געלט פירט ער אין ירושלים . אונ דארט קויפט ער פאר זיא עסענווארג . זאגט דיא משנה אז איינער האט אוויין גארטין וואס אויף אים וואקסט פירות דעם פערטין יאהר . האט מען אים בעצייכענט מיט שטיקער ערד מען האט גיקייגט שטיקער ערד ארום דעם ווין גארטין . פאר אסימן . מען זאל וויסען אז דער ווין גארטין איז אזוי וויא ערד . אזוי וויא פון ערד אז מען האקערט אונ מען זייט האט מען ניט קיין הנאה ביז אצייט שפעטער . אזוי פון דעם ווין גארטין קען מען אויך ניט איצט הנאה האבען ביז אצייט שפעטער . אז מען וועט דיא פירות ברייננען אין ירושלים . אדער מען וועט זייא אויס טאהשין אויף געלט . וועט מען מעגין פון זייא הנאה האבען . אונ אויב דיא פירות פון דעם ווין גארטין זענען נאך ערלה . מאכט מען אסימן מיט שארבינס . אזוי וויא פון אשארבין קען מען ניט הנאה האבען . אזו פון דיא פירות קען מען ניט הנאה האבען . אונ אפעלד וואס אין איר זענען בגראבין מתים . מאכט מען אסימן מיט וואפנע . וייל וואפנע איז וויים אזוי וויא ביינער . דיא וואפנע זאל מען צוא שטויסען אונ אויס מישען מיט וואסער אונ בגיסען ארום קבר . ווארום אז דיא וואפנע איז מיט וואסער צוא מישט . איז זיא ווייסער . רבן שמעון בן גמליאל זאגט ווען דארף מען מאכען אצייכען ארום אוויין גארטין וואס אויף אים וואקסט פירות דיא ערשטע דריי יאהר אדער דעם פערטין יאהר . דאס איז נאר אין דעם יאהר פון שמטה . ווס אלע מענטשין מעגין אריין גיין אין פרעמדע ווין גערטנער נעמען פירות : דריבער דארף מען מאכען אצייכען ביי דעם ווין גארטין אז דיא פירות זענען ערלה טאר מען זייא ניט עסין . דיא פירות זענען פון פערטין יאהר דארף מען זייא אויס טאהשין אויף געלט אונ פירען דיא געלט אין ירושלים . מענטשין זאלין ניט עסין וואס מען טאר ניט . אבער אין דיא אנדערע זעקס יאהר . וויא קומט אמענטש נעמען פירות פון אפרעמדין ווין גארטין . דריבער דארף מען ניט בצייכנען . טאמער וועט איינער ווערין גזלן . איז ער דאך ארשע אונ עסט גינויתע . זאל ער עסין ערלה אויך . זאל מען געבין דעם רשע צוא עסין איסור . ער זאל האבען נאך אנדערע עבירה . וועט ער שטארבין . אונ דיא פרומע מענטשין וואס האבען ניט גיוואלט אז דורך זייא זאל ניט אהן ווערין אעבירה פלעגין זייא אנידערלייגין געלט אונ האבען גזאגט אלע פירות ווס וועט אם געקליבען ווערין פון דעם בוים אדער פון דעם ווין גארטין . זאל זיין אויסגיטאהשט אויף דיא געלט :

**ד** וסבר . פרעגט דיא גמרא האלט דען רבי יוסי אז וואס מען רעט אין דיא רייד איז גלייך וויא דאס וואלט גיווען דיא ערשטע רייד . למשל אז איינער האט גזאגט אויף אבהמה דיא בהמה זאל זיין אעולה שלמים . דיא רגע וויא ער האט ארויס גירעט דעם ווארט עולה . האט ער זיך דער מאנט אז ער האט גיהאט אטעות . אונ הט באלד גזאגט דעם ווארט שלמים . איז דער ווארט עולה גלייך ווי ער ווארט אים גאר ניט גזאגט . ווי ער וואלט נאר גזאגט שלמים . אונ דיא בהמה בלייבט שלמים . מיר האבען דאך ניט אזוי גילערנט . ווארום מיר האבען גילערנט אז איינער זאגט אויף אבהמה זיא זאל זיין גיטאהשט פאר אעולה גיטאהשט פר שלמים איז זיא גיטאהשט פאר אעולה . ווארום מיר זאגין אזוי איז גיווען . דער מענטש האט פריער גיוואלט

עולה התמורת שלמים הרי זו תמורת עולה דברי רבי מאיר ר' יוסי אומר אם לכך נתכוין כתחלה הואיל ואי אפשר לקרות שני שמות כאחד דבריו קיימין ואם אמר תמורת עולה ונמלך ואמר תמורת שלמים הרי זו תמורת עולה והוינן בה נמלך פשיטא ואמר]רב פפא נמלך בתוך כדי דבור קאמרינן אמרי תרי היך כדי דביר הוו חד כדי שאילת תלמיד לרב וחד כדי שאילת הרב לתלמיד כי לית ליה לרבי יוסי כדי שאילת תלמיד לרב שלום עליך רבי ומורי דנפיש. כדי שאילת דרב לתלמיד שלום עליך אית ליה:

נשו ר׳ אבן : דבריו קיימין והרעה שם שהסתלב והמכר ויבא בדמי הליה עולה ובדמי הליה שלמים]:

עני. שם היינד: והיה במת. לפי בעבד כשר היה והיה מהלוב לשחררו אלא כהמשהכל עבה

(דף עד ע"ב) **ח מעשה** בר"ג שסימא את עין טבי עבדו והיה שמח שמחה גדולה מצאו לרבי יהושע א"ל אי אתה יודע שטבי עבדי יצא לחירות

---

גיוואלט מאהשין דיא בהמה אויף אעולה. דער נאך האט ער חרטה גיהאט. אונ האט זי גיוואלט מאהשין אויף שלמים. דריבער נעמען מיר אן דעם ערשטין לשון. אונ די בהמה איז גימאהשט אויף אעולה. ווארום מען קען ניט חרטה האבען. אזוי זאגט רבי מאיר: רבי יוסי זאגט אויב ער האט אזוי גימיינט אין אנהייב אז דיא בהמה זאל זיין גימאהיט אויף ביידע. אויף אעולה אונ אויף שלמים. אהאלבע בהמה זאל זיין גימאהשט אויף אעולה. אונ אהאלבע בהמה זאל זיין גימאהשט אויף שלמים. נאר וויל מען קען ניט זאגין צוויי ווערטער מיט איין מאהל. דריבער האט ער גימוזט זאגין פריער עולה אונ דער נאך שלמים ווידער פאר קערט פריער שלמים דער נאך עולה. זענען זיינע רייד גוט. אונ דיא בהמה ווערט געפיטערט ביז זיא בעקומט א מום דער נאך ווערט זיא פאר קויפט. אונ פאר העלפט גערט קויפט מען אעולה. אונ פאר העלפט גערט קויפט מען שלמים. אונ אויב ער האט גזאגט דיא בהמה זאל זיין גימאהשט אויף אעולה. דער נאך האט ער חרטה גהאט אונ האט גזאגט זיא זאל זיין גימאהשט אויף שלמים. איז זיא גימאהשט אויף אעולה: האבען מיר גיפרעגט אז ער האט חרטה גיהאט. געוויס אז זיין חרטה קען ניט העלפין. האט רב פפא גזאגט דא שמועסט אז ער האט חרטה גיהאט אין דיא ערשטע רייד. אזוי וויא ער האט ארויס גירעט דעם ווארט עולה. האט ער דיא רגע גזאגט שלמים. פון דעסטוועגין זאגט רבי יוסי אז דאס העלפט ניט. נאר דיא בהמה בלייבט אעולה. אונ ניט שלמים. אונ פריער שטייט אז רבי יוסי האט גזאגט דיא בהמה בלייבט שלמים. אונ ניט עולה. ענטפערט דיא גמרא עס איז דא צוויי ערליי אין דיא רייד: אגאנטע אונ אווייטערע. אויב עס האט גידויערט פון דעם ווארט עולה ביז דעם ווארט שלמים אזוי לאנג וויא אתלמיד זאגט שלום צוא זיין רבי. אדער עס האט נאר גידויערט אזוי לאנג ויא ארבי זאגט שלום צוא זיין תלמיד. אויב עס האט גידויערט פון ווארט עולה ביז צום ווארט שלמים אזוי לאנג וויא אתלמיד זאגט שלום צוא זיין רבי. שלום עליך רבי ומורי. דא האלט רבי יוסי אז מען קען ניט שטערין דיא ערשטע רייד: אונ דיא בהמה בלייבט אעולה. אזוי וויא ער האט פריער גזאגט: אונ אויב עס האט נאר גידויערט פון ווארט עולה ביז צום ווארט שלמים אזוי לאנג וויא ארבי זאגט שלום צוא זיין תלמיד שלום עליך. דא האלט רבי יוסי אז זיינע ערשטע רייד איז גאר נישט. נאר ווי ער האט גזאגט צום לעצט. איז די בהמה נאר שלמים:

**ח** מעשה. עס האט גיטראפין רבן גמליאל האט בלינד גימאכט דעם אויג פון זיין קנעכט טבי. האט רבן גמליאל גיהאט אגרויסע שמחה. וטבי איז גיוועזן אגויישער קנעכט פאר קויפט צו רבן גמליאל. אונ טבי איז אבער גיוועזן גאנץ פרום. האט רבן גמליאל אים גיוואלט פרייא מאכין. מען טאר אבער נישט פרייא מאכין אגוישען קנעכט. נאר איצט אז רבן גמליאל האט אים אין אויג בלינד גימאכט גייט ער שוין ארויס פרייאו. האט רבן גמליאל גיטראפין רבי יהושע: זאגט רבן גמליאל צו רבי יהושע דו ווייסט מיין קנעכט טבי גייט ארויס פריי. האט רבי יהושע גזאגט

פאר

לחידות א"ל למה א"ל שסימיתי את עינו א"ל אין בדבריך כלום שכבר אין לו עדים:

(דף עט ע"ב) ד' וא"ר אלעזר ראוהו שהטמין בחורשין וטבח ומכר משלם תשלומי ד' וה' אמאי הא לא מע"ך אמר רב הסדא שהכישה במקל אמרי וכיון דראוהו גזלן הוא כיון דמטמרי מנייהו גנב הוא] ואלא גזלן היכי דמי א"ר אבהו כגון בניהו בן יהוידע שנאמר (ש"ב כג) ויגזול את החנית מיד המצרי ויהרגהו בחניתו רבי יוחנן אומר כגון בעלי שכם שנאמר (שופטים ט) וישימו לו בעלי שכם מארבים על ראשי ההרים ויגזלו כל אשר יעבור עליהם בדרך ורבי אבהו מ"ט לא אמר מהאי אמר לך דכיון דמיטמרי איטמורי לאו גזלני נינהו ור' יוחנן הא דקא מיטמרי דלא נחזינהו אינשי וניערקו מינייהו:

שאלו

שנר בעטס: שכבר אין לו עדים. ועל פי עצמך לא משלם קנס:

[שהטמין בחורשין שהטמין ביער לגנוב בהמות סרועות שם: כיון דלאו"הו גזלן הוא. ולא דומה לגנב בפני שנים דהתם אע"ג דהוי ליה אלא איכוי לא מסתפי מינייהו דמימר אמר לא מינייהו שקילנא מידי אבל חורשין מרעה נכל יוה ולא ידע דמאן ניכו הך בהמה וכיון דלא מיכסתפי מכולי עלמה גזלן הוא:

פאר וואס גייט ער ארויס פריי. האט רבן גמליאל גיזאגט ווייל איך האב אים בלינד גימאכט אויג. האט רבי יהושע גיזאגט צוא רבן גמליאל דיינע רייד איז גאר ניט. ווארום טבי האט דאך ניט קיין עדות אז דו האסט אים בלינד גימאכט אויג. נאר פון וואנען ווייסט מען אז דו האסט אים בלינד גימאכט אויג. ווייל דו ביסט אליין מודה. און מודה בקנס איז פטור. ווארום דאס וואס אקנעכט גייט ארויס פריי אז מען מאכט אים בלינד אויג. דאס האט די תורה גיקנסט דעם בעל הבית. און אז דער בעל הבית איז אליין מודה אז ער האט אים בלינד גימאכט אויג איז ער אמודה בקנס. און אמודה בקנס איז פטור:

ד' אמר. רבי אלעזר האט גיזאגט אז מען האט גיזעהן איינער בהאלט זיך אין וואלד צוא גנבנען די בהמות וואס ווערין דארט גיפיטערט. און ער האט גישאכטין אדער ער האט פאר קויפט די בהמות וואס ער האט גיגנבת. בצאהלט ער פאר אאקס פינף אקסין און פאר אשעפס פיר שעפסין. פרעגט די גמרא פאר וואס זאל ער בצאהלין פיר אדער פינף ער האט דאך ניט גיצויגין די בהמה צו זיך. נאר אין וואלד האט ער זיא גישאכטין אדער פאר קויפט. וויא אזוי הייסט ער אגנב. האט רב הסדא גיזאגט אז ער האט אקלאפ גיטאהן די בהמה מיט אשטעקין. און זיא איז אוועק גיגאנגען פון די סטאדע. הייסט דאס שוין גיגנבת. דער נאך האט ער גישאכטין אדער פאר קויפט דארף ער בצאהלין פיר אדער פינף. פרעגט די גמרא אז מען האט גיזעהן וויא ער גייט אריין אין וואלד און נעמט אבהמה און שעכט איר אדער ער פאר קויפט איר אז אלע האבען גיזעהן. איז ער דאך ניט אגנב נאר אגזלן. און אגזלן בצאהלט דאך ניט פיר אדער פינף. ענפערט די גמרא ווייל ער בעהאלט זיך פון די מענטשין זיא זאלין אים ניט זעהן. דריבער הייסט ער אגנב. נאר וויא אזוי איז אגזלן. האט רבי אבהו גיזאגט אזוי וויא בניהו בן יהוידע. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט אוועק גינומען דעם שפיז פון דעם מצרים האנט. און ער האט אים גיהרגת מיט זיין שפיז. רבי יוחנן זאגט אגזלן הייסט אזוי וויא די מענטשין פון שכם האבען גיטאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די מענטשין פון שכם האבען גישטעלט מענטשין אויף די שפיץ בערג זיא זאלין אויס קוקען ווער עס פארט אין וועג. און ווער עס פלעגט דורך פארין אין וועג פלעגין זיא אוועק נעמען ביי אים אלץ וואס ער האט גיהאט. פרעגט די גמרא פאר וואס זאגט ניט רבי אבהו פון דעם פסוק פון שכם. ענפערט די גמרא רבי אבהו זאגט ווייל די מענטשין פון שכם בעהאלטען זיך. הייסען זיא ניט גזלנים. און רבי יוחנן זאגט דאס וואס זיא בעהאלטען זיך איז ניט ווייל זיא האבען מורא. נאר אז די וועג מענטשין וועלין זיי זעהן וועלין זיא אנטלויפען. דריבער בעהאלטין זיא זיך זיא זאלין קענען פלוצלונג ארויף פאלען אויף דעם מענטשין און ביי אים אלץ אוועק נעמען:

שאלו

**ז שאלו** תלמידיו את רבי יוחנן בן זכאי מפני מה החמירה תורה בגנב יותר מבגזלן אמר להם זה השוה כבוד עבד לכבוד קונו וזה לא השוה כבוד עבד לכבוד קונו כביכול עשה עין של מטה כאילו אינו רואה ואוזן של מטה כאילו אינה שומעת שנא' (ישעיה כט) הוי המעמיקים מה' לסתיר עצה [והיה במחשך מעשיהם וגו'] וכתיב (תהלים צד) ויאמרו לא יראה יה ולא יבין אלהי יעקב וכתיב (יחזקאל ט) [כי אמרו] עזב ה' את הארץ ואין ה' רואה (תניא א"ר מאיר משלו משל משום ר"ג למה הדבר דומה לשני בני אדם שהיו בעיר ועשו משתה אחד זימן את בני העיר ולא זימן את בני המלך ואחד לא זימן את בני העיר ולא זימן את בני המלך אי זה מהם ענשו מרובה הוי אומר זה שזימן את בני העיר ולא זימן את בני המלך א"ר מאיר בא וראה כמה גדול כחה של מלאכה שור שביטלו ממלאכתו חמשה שה שלא ביטלו ממלאכתו ד' אמר רבי יוחנן בן זכאי בא וראה כמה

החמירה תורה לשלם כפל ד' וה': השוה כבוד עבד. לא ירא מבני אדם כדרך שלא ירא מהקב"ה אבל גנב לא השוה עבד לקונו א"נ לא כיבד העבד יותר מקונו שהוא ירא מבני אדם ומעין של מעלה לא נזהר: לסתיר עצה. כמו

---

ז שאלו. דיא תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי יוחנן בן זכאי פאר וואס האט די תורה שווערער גימאכט ביי א גנב מער וויא ביי א גזלן. א גנב בצאהלט אלע מאהל צוויי מאהל אזוי פיל וויא ער האט גיגנבת. אונ אז ער גנבת א אקס אדער א שעפס אונ ער שעכט אים אדער פר קויפט אים. דארף ער בצאהלין פאר דעם אקס פינף אקסין אונ פאר דעם שעפס פיר שעפסין. אונ א גזלן בצאהלט אייביג נאר דאס וואס ער האט גיגזלתו. האט רבי יוחנן צוא זייא גזאגט דר גזלן האט גלייך גימאכט דעם כבוד פון קנעכט צום כבוד פון בעל הבית. ער האט געוויזען אז ער האט ניט מורא פאר גאט אונ ער האט ניט מורא פר מענטשין. אונ דער גנב הט ניט גלייך גימאכט דעם כבוד פון קנעכט צום כבוד פון בעל הבית. ער הט געוויזען אז פאר מענטשין הט ער מורא אונ פאר גאט האט ער ניט מורא. ווארום ער זאגט גאט זעהט גאר ניט אונ ער הערט גאר ניט וואס אויף דער וועלט איז. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט ווי צוא דיא מענטשין וואס זייא בעהאלטען זיך טיף פון גאט צוא פאר בארגין עצות אונ זייא טוהען אלץ אין דער פינסטער. אונ וויא דוד המלך האט גזאגט אויף דיא רשעים זייא זאגין גאט זעהט ניט אונ דר גאט פון יעקב פאר שטייט ניט. אונ וויא יחזקאל הנביא האט גזאגט אויף דיא רשעים זיי זאגין גאט האט פאר לאזין דיא וועלט אונ גאט זעהט גאר ניט. רבי מאיר זאגט רבן גמליאל האט גזאגט א משל. צוא וואס די זאך איז גלייך. צוויי מענטשין זענען אמאהל גיוועזען אין איין שטאט. אונ זייא האבען ביידע גימאכט א סעודה. איינער הט גיבעטין אויף דיא סעודה דיא מענטשין פון שטאט. אונ דיא קינדער פון מלך האט ער ניט גיבעטין אויף דיא סעודה. אונ איינער האט ניט גיבעטין דיא מענטשין פון שטאט אונ ער האט ניט גיבעטין דיא קינדער פון מלך. ער האט גימאכט דיא סעודה פאר זיך אליין. וועלכער האט א גרעסערין שטראף פון מלך. געוויס דער וואס הט גיבעטין אלע שטאט מענטשין אונ ער האט ניט גיבעטין דיא קינדער פון מלך. ווארום ער הט געוויזען אז דיא שטאט מענטשין האט ער ליב. אונ דיא קינדער פון מלך האט ער ניט ליב. אדער פר דיא שטאט מענטשין האט ער מורא. אונ פאר דעם מלך מיט זיינע קינדער האט ער ניט מורא. אונ יענער האט געוויזען אז ער האט קיינעם ניט ליב אונ ער הט פאר קיינעם ניט מורא. אונ דא בייא דעם גנב מיט דעם גזלן איז אויך אזוי. דער גזלן האט פאר קיינעם ניט מורא. ניט פאר גאט אונ ניט פאר מענטשין. אונ דער גנב האט מורא פאר מענטשין אונ האט ניט מורא פאר גאט. רבי מאיר זאגט קום אונ זעה וויא פיל דיא תורה האט גיזארגט פאר דיא ארבעט אונ פאר דינסט פון א מענטשין. אז דער גנב האט גיגנבת א אקס. וואס ער האט גישטערט דעם בעל הבית פון דיא ארבעט. דארף ער בצאהלין פינף אקסין. אז ער האט גיגנבת א שעפס וואס ער הט אים ניט גישטערט פון דיא ארבעט. ווא׳ ום

אשעפס

במה. גדול כבוד הבריות שור שהולך ברגליו ה' שה שהרכיבו על כתפו ד':

ח מתני' אין מגדלין בהמה דקה בא"י אבל מגדלין בסוריא ובמדברות שבא"י אין מגדלין תרנגולים בירושלים מפני הקדשים ולא כהנים בא"י מפני הטהרות אין מגדלים חזירים בכל מקום לא יגדל את הכלב אא"כ היה קשור בשלשלת אין פורסין נישובים ליונים אלא אם כן היה רחוק מן הישוב ל' ריס: (דף פ) [ת"ר. מעשה בחסיד אחד שהי' גונח כלבו ושאלו לרופאים ואמרו אין לו תקנה עד שיינק חלב רותח משחרית לשחרית והביאו לו עז וקשרו לו בכרעי המטה והיה יונק ממנה משחרית לשחרית לימים נכנסו לו חבריו לבקרו כיון שראו אותה העז קשורה בכרעי המטה חזרו לאחוריהם ואמרו לסטים מזוין בביתו של זה ואנו נכנסין

שהכביד יופן במסתרים לגנוב להרע: שה שהרכיבו. הגנב על כתפו וחלל את עצמו בו לפיכך הקיל הקב"ה עליו בתשלומין:
אין מגדלין בהמה דקה בא"י משום ישוב א"י שמבעיר את השדות וכל שדות א"י קהמן דישראל: אבל מגדלים בסוריא. אעם שכבשה דוד כבשה יחיד דלא שמיה כבוש והוית כח"ל וכח"ל מותר לגדל דלא חיישינן לישוב ואם יפסידו שדות אחרים ישלמו: אין מגדלין תרנגולים בירושלים. אפילו ישראל: [מפני הקדשים. שישראל אוכלים שם בשר שלמים ותודה ומעשר בהמה ודרך תרנגולים לנקר באשפה שמא יביאו עצם כעדשה מן השרץ ויטמאו את הקדשים: ולא יגדלו כהנים תרנגולים בכל א"י]: מפני הטהרות. שהכהנים אוכלים תרומה הן צריכין ליזהר (בטהרה) [בטהרתן]: חזירים. טעמא מפרש בגמרא: את הכלב. מפני שנושך ומנבח ומפלת אשה מיראתו: נישובים. פחים שלא ילכדו בהם יונים בני הישוב: ל' ריס ד' מילין: [גונח. פליד"א נושק מפני כאב הלב לא היה יכול להשיב רוחו: לבטים מזויין. רועה שדות אחרים יגזול את הבנים:

אשעפס ארבעט ניט. דארף ער נאר בצאהלין פיר שעפסין. רבי יוחנן בן זכאי זאגט קום אונ ועה וויא גרוים בייא דיא תורה איז דער כבוד פון אמענטשין. אז דער גנב האט גיגנבת אאקס. וואס דער אקס איז גיגאנגען מיט דיא פיס. דארף ער בצאהלין פינף אקסין. אז ער האט גיגנבת אשעפס וואס ער האט אים גיטראגען אויף דעם אקסיל. דארף ער נאר בצאהלין פיר שעפסין:

ח מתניתין. אין. מען טאר ניט אדעוועז יונגע בהמות אין ארץ ישראל. וועיל זיי מאכען קאליע דיא פעלדער. אבער אין סוריא אונ אין דיא מדברות ודיא וויסטע הערטער וואס אין ארץ ישראל מעג מען אדעוועז יונגע בהמות. מען טאר ניט אדעווען הענער אונ הינער אין ירושלים. ווארום אין ירושלים איז דא קרבנות וואס אלע יודין עסין. ושלמים תודה מעשר בהמה. אונ הענער אונ הינער זענען שטענדיג אויף דיא מיסט. טאמער וועלין זייא חאפין אין מויל אביינדיל פון אשרץ וואס ער איז ג וויס וויא אגינדז אונ זייא וועלין אים אריין ברייגגען אין שטוב אונ ארויף וואַרפין אויף דיא קרבנות. וועלין דאך דיא קרבנות טמא ווערין. אונ כהנים טארין ניט אדעוועז הינער אין גאנץ ארץ ישראל. וועיל בייא כהנים איז אייביג דא תרומה. האבין זיי מורא טאמער וועלין דיא הינער מטמא זיין דיא תרומה מיט אביינדיל פון אשרץ. איוד טאר ניט אדעוועז חזירים אין דיא גאנצע וועלט ווא זייא וואהנען. אונ איוד טאר ניט אדעוועז אהונט סיידין ער איז אנגיבונדין מיט אקייט. מען טאר ניט פאר שפרייטין נעצין צוא פאנגע טויבין. וועיל עס וועלין אריין פליהען אין דיא נעצין טויבין פון שטאט וואס זייא האבען בעלי בתים אונ ער וועט זייא פאנגען איז דאך דאס אגזלה. סיידין ער שטעלט דיא נעצין ווייט פון שטאט דרייסיג ריס. דאס איז פיר תחום שבת. אכט טויזענד איילין. אזוי ווייט וועלין ניט פליהען דיא טויבין פון שטאט. דיא רבנן האבען גילערנט עס האט אמאהל גיטראפין אחסיד האט גיהאט אקראנקע ברוסט. האט מען גיפרעגט דיא דאקטורים וואס מען זאל טאהן. האבען זייא גיזאגט ער האט ניט קיין אנדער הילף נאר ער זאל זייגין פון אבהמה הייסע מילך אלע אין דער פריא. האט מען גיבראכט אציג אונ מען האט איר אנגיבונדין בייא דיא פיס פון בעט. אונ ער פלעגט זייגין פון דיא ציג אלע אין דער פריא. אמאהל זענען אריין גיקומען צו אים זייגע חברים מבקר חולה זיין. וויא זייא האבען דער זעהן דיא ציג איז אן גיבונדען בייא דיא פיס פון בעט. האבען זייא זיך אפ גירוקט אינטער זיך. אונ האבין גיזאגט אגלן מיט גיוועהר איז דא בייא דעם מענטש אין שטוב וועלין מיר אריין גיין צוא אים. ודער ציג איז אגזלן ער גייט ארום צגאנצין טאג אונ עסט פון

פרעמדע

נכנסין אצלו ישבו ובדקו :לא מצאו בו אלא אותו עון של אותו העז ואף הוא בשעת מיתתו אמר יודע אני שאין בי עון אלא עון אות העז שעברתי על דברי חבירין] :

ט א"ר ישמעאל מבעלי בתים שבגליל העליון היו בית אבא ומפני מה חרבו שהיו מרעין בחורשים ודנין דיני ממונות ביחיד ואע"פ שהיו להם חורשים סמוך לבתיהם שדה קטנה היתה ומעבירין דרך עליה:

שהיו מרעין בהמה דקה שהיו לגס בחורשים : ואע"פ שהיו חורשין סמוך לבתיהן . ולא הם רועים בשדות אחרים ומשום הו שין ליכא גזל דאמרינן לעיל אבל מגדלים בחורשים ולקמן נמי בתקנות יהושע תיקן ש.א יקפיד בעל סיער על כך אפ"ה נענשו מפני שבדה קטנה היתה ביניהם ושל אחרים היתה :
חיה דקה לגיים ובועלים : כלבים כופרים . קטנים וגכבים הם ל"א כלבים גדולים של ליידים ואין מזיקין : תולדות סנאים גדלות בכנה : לנקר את הבית . מן העכברים : וורדיני . כנה : דקטיני . דקים : דמתתאי שקים. שוקים גולין :

י כשם שאמרו אין מגדלין בהמה דקה כך אמרו אין מגדלין חיה דקה רבי ישמעאל אומר מגדלים כלבים כופרים וחתולים וקופים ותולדות סנאים מפני שעשויים לנקר את הבית מאי תולדות סנאים אמר רב יהודה שרצא חרצא א"ד הרזא דקטיני שקי ורעיא ביני וורדיני מאי שרצא דמתתאי שקיא . [א"ר יהודה אמר רב עשינו עצמנו בבבל כא"י לבהמה דקה א"ל רב אדא בר אהבה לרב הונא דידך מאי א"ל לדידן קא מנטרא להו

---

פרעבדע פעלדער] . דיא חברים פון חסיד זענען גיזעסן אונ האבען גיקלערט ארום זיינע מעשים . אונ האבען נישט מער גיפונען אויף אים נאר דיא איין עבירה פון דיא ציג . אונ דער חסיד אליין ווען ער איז גישטארבין האט ער גזאגט איך ווייס אז איך האב ניט קיין אנדער עבירה . נאר דיא עבירה פון דיא ציג . וואס איך האב ניט גיפאלגט מיינע חברים . וואס זייא האבען גיזאגט אז איך האב ניט גימענט זייגין פון דיא ציג . ווייל דיא מילך אירע קומט פון גיגזלטע עסינם:

ט אמר . רבי ישמעאל האט גזאגט מיין פאטערס משפחה זענען גיוועזן פון דיא בעלי בתים וואס האבען גיוואוהנט אין אויבערשטין גליל . אונ פאר וואס זענען זייא ארעם גיווארין . ווייל זייא האבען גיפטערט זייערע יונגע בהמות אין פרעמדע וועלדער , אונ אז עס פלעגט קומען פאר זייא אדין תורה אין געלט זאכען . פלעגט נאר איינער משפטין . ואונ דער תנא האט גזאגט אין אבות איין מענטש זאל ניט זיין אליין) . אונ אפילו דיא וועלדער זענען גיוועזן נאנט נעבין זייערע שטובין . אונ אין אפרעמדין וואלד מעג מען פיטערין בהמות . נאר ווייל צווישען זייערע הייזער אונ דיא וועלדער איז גיוועזן אקליינע פעלד אפרעמדע אונ זייא פלעגין טרייבען דיא בהמות דורך דיא קליינע פעלד ביז אין וואלד אריין . דער ווייל פלעגין דיא בהמות עפעס קאליע מאכען אין דעם פעלד . טריבער זענען זיי גישטראפט גיווארין :

י כשם . אזוי וויא מען האט גזאגט אז מען טאר ניט האלטען יונגע בהמות . אזוי האט מען גזאגט אז מען טאר ניט האלטען יונגע חיות . רבי ישמעאל זאגט מען מעג האלטען קליינע הינט אונ גאנץ גרויסע יאבט הינט . אונ מלפעס . אונ קעץ . אונ תולדות סנאים מעג מען אויך האלטען . ווייל זייא מאכען ריין דיא שטובין פון מייז . וואס איז תולדות סנאים . רב יהודה זאגט דאס איז שרצא חרצא . אנדערע זאגין דאס רופט מען הרזא וואס ער האט דינע פים אונ ער פיטערט זיך צווישען דיא דערנער . ער האט נידעריגע פים. ותולדות סנאים אונ וואס איז שרצא . דאס זענען קעץ וואס האלטען זיך אין דיא וועלדער . אונ מען מעג זייא האלטען אין שטוב אויך . ווייל זייא בייסין ניט קיין מענטשין . רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין מיר האבען אונז גימאכט אין בבל אזו וויא אין ארץ ישראל . מען זאל אין בבל אויך ניט האלטען קיין יונגע בהמות . רב אדא בר אהבה האט גזאגט צו רב הונא וואס איז מיט דיינע יונגע בהמות . האט רב הונא גזאגט מיין ווייב תבה היט זייא . האט רב אדא גזאגט האט שוין דען תובה בגראבין אירע קינדער וואס זיא האט ניט מער וואס צוא טאהן נאר צו היטען דיא יונגע בהמות . אונ ווייל רב אדא האט אזוי גירעט דעם ווארט פון קינדער בגראבין .

אזוי

להו חובה א"ל תובה תקברינהו לבנה כולה שניה דרב אדא בר אהבה לא אקיים זרעא לרב הונא מחובה] :

**יא רב** ושמואל ורב אסי איקלעו לבי שבוע הבן ואמרי לה לבי ישוע הבן רב לא עייל קמיה דשמואל (ע"ג) שמואל לא עייל קמיה דרב אסי רב אסי לא עייל קמיה דרב אמרי מאן נתרח שמואל וניתי רב ורב אסי . ונתרח רב או רב אסי רב מלתא בעלמא הוא דעבד ליה לשמואל משום ההוא מעשה דלטייה אדבריה רב עליה אדהכי והכי אתא שונרא קטעיה לידא דינוקא נפק רב ודרש חתול מותר להרגו ואסור לקיימו ואין בו משום גזל ואין בו משום השבת אבדה לבעלים :

**יב א"ר** אחא בר פפא משום רבי אבא בר פפא משום רבי אדא בר פפא ואמרי לה א"ר אבא בר פפא משום רבי חייא בר פפא משום ר' אחא בר פפא ואמרי לה א"ר אבא בר פפא משום רבי אחא בר פפא משום רבי חנינא בר פפא מתריעין על ההיכוך בשבת ודלת הננעלת לא במהרה תפתח והלוקח בית בא"י כותבין עליו אונו אפילו בשבת

מיתיבי

שבוע הבן . ברית מילה ע"ש שעברו עליו ז' ימים: [ישוע הבן . מקום שעושין לפדיון הבן בכור שוע מתרגמינן פורקן כמו פדיון] : רב לא עייל קמיה דשמואל . טעמא אמרי' לקמן : שמואל לא עייל קמיה דרב אסי . שהיה גדול ממנו ורב אסי תלמיד של רב הוה : מאן נהדר . מי יחזור מבחוץ ויבא באחרונה יחידי : נתרח שמואל . בחוץ ויבאו רב ורב אסי רב ואחר כך תלמידו : מלתא בעלמא הוא דעבד לשמואל . שמואל קטן שבכולם הוא וזה שאין רב נכנס לפניו טיבותא ויקרא הוא דקעביד ליה משום מעשה דלטייה לשמואל בשמועה שבלים : אדבריה עליה . הטעינו עליו לנהוג בו כבוד : אדהכי והכי .

אזוי לאנג וויא רב אדא בר אהבה האט געלעבט האבען זיך נישט געהאלטען דיא קינדער וואס רב הונא האט געהאט פון חובה . זייא זענען אלע געשטארבין :

**יא** רב אונ שמואל אונ רב אסי אלע דריי זענען אמאהל געוועזן אויף א ברית מילה ; אנדערע זאגין אויף א פדיון הבן . רב האט נישט געוואלט אריין גיין אין שטוב פאר שמואל . שמואל האט נישט געוואלט אריין גיין פאר רב אסי . רב אסי האט נישט געוואלט אריין גיין פאר רב . האבען זייא געזאגט ווער זאל ווארטין . ווער זאל אריין גיין דער לעצטער אליין בזונדער . שמואל זאל ווארטין ; אונ פריער זאל אריין גיין רב דער נאך רב אסי . אונ שמואל זאל אביסול ווארטין אויף דיא גאס אונ שפעטער וועט ער אריין קומען אליין . פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט נישט געווארט רב אדער רב אסי אויף דיא גאס : ענטפערט דיא גמרא שמואל איז געוועזן קלענער ווי רב אונ וויא רב אסי . נאר פאר וואס האט רב נישט געוואלט אריין גיין פאר שמואל . ווייל רב האט געוואלט געבין כבוד שמואלין ווייל ער האט אים אמאהל געפלוכט . דער ווייל איז געקומען א קאץ אונ האט אפ געהאקט דיא האנט פון דעם קינד . האט רב גידרשת א קאץ מעג מען הרגנן . אונ מען טאר איר נישט האלטען . אונ אז איינער הרגת א פרעמדע קאץ איז דאס נישט קיין גזלה . אונ אז בייא איינעם איז פאר לארין געווארין א קאץ אונ זיין חבר האט איר געפונען . דארף ער זיא אים נישט אוועק געבין . אונ ער זאל זיא נישט נעמען פאר זיך . נאר ער זאל איר לאזין לויפען :

**יב** אמר . רבי אחא בר פפא האט געזאגט פון רבי אבא בר פפאס וועגין . אונ ער האט געזאגט פון רבי אדא בר פפאס וועגין ; אנדערע זאגין אזוי איז געוועזן רבי אבא בר פפא האט געזאגט פון רבי חייא בר פפאס וועגין . אונ ער האט געזאגט פון רבי אחא בר פפאס וועגין . אונ אנדערע זאגין אזוי איז געוועזן רבי אבא בר פפא האט געזאגט פון רבי אחא בר פפאס וועגין . אונ ער האט געזאגט פון רבי חנינא בר פפאס וועגין . אז אין א שטאט איז געווארין א קראנקקייט פון קרעץ . זאל מען תפלה טאהן אונ מען זאל בלאזין מיט שופרות אונ מיט טרומייטין אפילו אום שבת . אונ אז א טיר ווערט פארשלאסין . ווערט זיא נישט געשווינט געעפינט . דאס מיינט מען אז בייא א מענטשין איז פארשלאסין געווארין דיא טיר פון פרנסה . וועט זיא נישט געשווינט געעפינט ווערין . נישט געשווינט וועט ער צוריק געהאלפין ווערין . דריבער דארף ער פיל בעטין . אונ אז א ייד קויפט א שטוב בייא א גוי אין ארץ ישראל : שרייבט מען דעם

קאנט אקט

מיהיבי ושאר פורעניות המתרגשות ובאות על הצבור כגון היכוך חגב זבוב צרעה ויתוש ושילוח נחשים ועקרבים לא היו מתריעין אלא צועקים לא קשיא כאן בלח כאן ביבש דאמר ריב״ל שחין שהביא הקב״ה על המצרים לח מבחוץ ויבש מבפנים שנאמר (שמות ט) ויהי שחין אבעבועות פורח באדם ובבהמה ודלת הנעלת לא במהרה תפתח מאי היא מר זוטרא אמר סמיכה רב אשי אמר כל המריעין לו לא במהרה מטיבין לו רב אחא מדפתי אמר לעולם אין מטיבין לו ולא היא רב אחא מדפתי מלתא דנפשיה הוא דקאמר. והלוקח בית בארץ ישראל כותבין עליו אונו אפילו בשבת בשבת ס״ד אלא [כדאמר רבא התם אומר לנכרי ועושה הכא נמי אומר לנכרי ועושה וכו׳]:

דהוו מסרבי אהא מוכלא וקטעיה לידא דההוא יניקא: מתריעין. בלב וכו׳ ג׳..הגה ובהוספות ובהגילגלות גמבכם תעניה: חיכוך. שחין שמהכך האדם עליה פרוטי״ל בלע״ז: ודלת הנעולה. על האדם נוסיות מגלית: לא במהרה תפתח. כ״מ להפוטי ברחמים: [והלוקח בית. מנכרי: הוא. בני מכירה: לא היו מתריעין. בבכם: צועקים. כיחוד: יבש. קשה מלח: אבעבועות פורח. בפריחתו דהיינו מבחוץ הוא מבעבע דהיינו לא מכלל דבפנים הוי יבש]: מלתא דנפשיה. בב״כ בכשוקפין דאימנוה לאוחביה כריכא ולא אשתייעא מיל׳ ה׳:

שיהו מרעין. בני עזות בחורשין ולא יקפיד בעל (הבית) [היער] על כך: ומלקטין עצים. מגדה מכרז כן עשבים למאכל בהמה: יחוץ מגדה אלהן. דמעלה לה עשבים הגדלות עמה והתולין מכבי את כללהן

יג ת״ר עשרה תנאים התנה יהושע (דף פא) שיהו מרעין בחורשין ומלקטין עצים בשדותיהם ומלקטין

---

קאנטראקט אפילו אום שבת. טאמער וועט דער גוי חרטה האבען. פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט אונ אנדערע שטראף וואס עס שטורעמט אונ עס קומט אויף אשטאט. למשל קרעץ. איישעריקן. שלעכטע פליגען. צרעות (בינען). מוקען. שלאנגען עגדעסין. אויף דיא זאכין בלאזט מען ניט שופר אום שבת. נאר מען שרייט צו גאט מיט תפלות אפילו אום שבת. זעהן מיר דאך אז אויף קרעץ בלאזט מען ניט שופר אום שבת. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אויף פייכטע קרעץ בלאזט מען ניט שופר אום שבת. אונ אויף טרוקענע קרעץ בלאזט מען שופר אפילו אום שבת. ווארום רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט דיא פארכעס וואס גאט האט גיבראכט אויף דיא מצרים איז גיוועזן פייכט פון אויבעוויניג אונ טרוקען פון איגעווייניג. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער שחין איז גיוועזן בעל עזאך (פייכט מיט מאטערייע) אין דעם בליהונג (אויס וויניג) ביי מענטשן אונ ביי בהמות. אבער איגעווייניג איז גיוועזן טרוקען. אונ אז אטיר ווערט פארשלאסין ניט געשווינד ווערט זיא גיעפינט. וואס מיינט מען דאס. מר זוטרא זאגט דאס מיינט מען סמיכה. אז מען זאגט איינעם אפ פון רבנות. ניט געשווינד קומט ער צוריק צוא רבנות. רב אשי זאגט אז עס ווערט איינעם שלעכט. ניט געשווינד ווערט אים צוריק גוט. רב אחא פון דפתי זאגט עס ווערט אים שוין קיין מאהל ניט גוט. זאגט דיא גמרא עס איז ניט אזוי עס ווערט צוריק גוט. נאר רב אחא פון דפתי זאגט זיין זאך. אים איז שלעכט גיווארין אונ עס איז אים ניט צוריק גוט גיווארין. אונ אז איינער קויפט אשטוב ביי אגוי אין ארץ ישראל שרייבט מען דעם קאנטראקט אפילו אום שבת. פרעגט דיא גמרא מעג מען שרייבין אום שבת. נאר אזוי ווי רבא האט גיזאגט דארטין (אויף איין אנדער זאך) מען זאגט צוא אגוי אונ דער גוי טוהט. דא מיינט מען אויך אזוי. מען זאגט צוא אגוי אונ ער שרייבט דעם קאנטראקט אום שבת:

יג תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט צעהן זאכין האט יהושע גיבאטין צוא דיא יודין ווען זייא זענען אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל. מען זאל פיטערין בהמות אפילו אין פרעמדע וועלדער. אונ מען זאל מעגין אריין גיין אין אפרעמדע פעלד קלויבין דיא שטיקלאך האלץ וואס עס איז פארשפרייט אין פעלד. אונ מען זאל מעגין רייסין גראז פון אפרעמדע פעלד געבין עסין אבהמה. נאר נון דיא פעלד וואס אין איר וואקסט תלתן טאר מען ניט רייסין קיין גראז. ווייל דיא גראז דארף מען צו דיא תלתן. אונ אז מען רייסט אויס דיא גראז ווערט קאליע דיא תלתן. אונ מען זאל מעגין אפ האקין יונגע צווייגין פון אפרעמדין בוים מען זאל זייא איין פלאנצין. נאר אז

ומלקטין עשבים בכל מקום חוץ מתלתן וקוטמין נטיעות בכל מקום חוץ מגרופיות של זית ומעין היוצא בתחלה בני העיר מסתפקין ממנו ומחכין בימה של טבריא ובלבד שלא יפרוס קלע ויעמיד את הספינה ונפנין לאחורי הגדר אפילו בשדה מלאה כרכום ומהלכין בשבילי הרשות עד שתרד רביעה שניה ומסתלקין לצדי הדרכים מפני יתידות הדרכים והתועה בין הכרמים מפסג ועולה מפסג ויורד ומת מצוה קונה מקומו :

(דף פא ע"ב) יד ת"ר ימה של טבריה בהלקו של נפתלי היתה ולא עוד אלא שנטל מלא חבל חרם בדרומה לקיים מה שנא' (דברים לג) ים

הלתן מין קטנית וכמו פנגרי"ק : וקוטמין נטיעות. מן האילן קוטם בד ליטע או להרכיב ולא יקפיד בעל האילן : חוץ מגרופיות של זית. הקוטן זאיו לשרוף מניח בהי גרופיות מלא בני אגריפים כדאמרי' פרק הכפינה זכן מהליפות ומעלות כדין ומבב אין לקטם נטיעה מפני במפסיד את הגרופיות : בתחלה. שהדם וכ"ש מעיינה יבנים שהיו בימי יהושע : ומחכין. מעילין הכה לציד דגים : בימה של טבריה. ואף ע"פ שנחלק נפתלי היתה כולה כדאמרי' לקמן : שלא יפרוס קלע. דרך צדים לתקוע יתדות ולעשות גדרי קנים במים לצוד בה דגים וקורין לו במקמנו גז"ר בלשכנו קורין לו ווכ"א (שלא יפרוס קלע) מפני שנעכב ומעמיד את הספינה : לאחורי הגדר לקמן מפרש לה לא נצרכה אלא ליטול הימנה צרור לקנח וה"ע בפורן את הגדר : ומהלכין בשבילי הרשות. שהם בני אדם מתכניסו הבואהם עד שפה הזריעה מפקירים שדותיהם ליכנס בהם כל אדם לקצר את הדרך שלא יקיף והן נקראין שבילי הרשות לפי שברשות עושים והתנה יהושע שלא יקפידו על כך : עד שתרד רביעה שניה . [זמנה] ג"ז כמרחשון כדאמרינן בתענית ומאז והלאה הזרעים צומחות וקשה להם דריסת הרגל : ומסתלקין לצדי הדרכים . בכל עת ואפילו בזמן שהתבואה בשדות הפקיר לכל אדם הנסתלק מן הדרך מפני היתדות וליכנס לגבול שדה חבירו ולילך על המיצר אצל הדרך : מפני יתדות הדרכים . בימות החמה יבש הטיט ונעשה כיתדות מקום דריסת האדם והבהמה שדרכו שם בימות הגשמים ונעשה כתיתות : מפסג . מנתק זמורות המשוכות המעכבות אותו ועולה ויורד עד שמוצא את הדרך : מקומו . מקום שנפל שם בעת מותו קנאו ליקבר ואין בעל השדה מעכב עליו :

שלא חבל חרם . מלא חבל של מצודה היה לו בדרום : מן הכנסה למבוך רשתו : גרס כמו מגורים ותרגמי

איינער האט אפ געהאקט א אייבערשט בוים . אונ ער האט געלאזין עטליכע קליינע צווייגלאך פון זייא זאל אויף וואקסין נייע בוימער , פון דיא צווייגלאך טאר מען ניט נעמען . אונ אז בייא איינעם אין פעלד איז געשפרינגט געווארין א נייער קוואל . זאלין אלע מענשין פון שטאט מעגין שעפין וואסער פון דעם קוואל . אונ אלע יודין זאלין מעגין פאנגען פיש מיט נעצע פון דעם ים וואס אין טבריא . אפילו דער ים געהער צום שבט נפתלי . נאר ער זאל נישט מאכין אין וואסער קאסטינס פון שטאבעטין דיא פיש זאלין דארטין געפאנגען ווערין . וויל דיא קאסטינס פארהאלטין דיא שיפען וואס שווימען אויף דעם וואסער . אונ אז איינעד דארף ארויס גיין (דאס מענשליכע בעדערפניש) זאל ער מעגין גיין בייא דער וואנט פון א פרעמדע פעלד . אפילו אין פעלד איז פארזייט פול זאפרען . אונ ער מעג אפ ברעכין א שטענדיל פון וואנט אפ צוא ווישען דיא צואה . אונ מען זאל מעגין גיין אין פרעמדע פעלדער פון דער צייט וואס מען האט אראפ גענומען דיא תבואה פון פעלד . דאס איז אין סוף זומער . ביז עס גייט דער אנדערער רעגין . דאס איז זיבעצין טעג אין חשון . ווארום נאך דעם אנדערין רעגין הייבין שוין אן דיא פעלדער צו וואקסין אין ארץ ישראל . אונ זומער ווען דיא ערד איז פארטריקנט איז שלעכט צו גיין אויף מיטען וועג . ווייל ווינטער איז געווארין לעכער אין דיא בלאטע פון דיא טריט פון מענטשין אונ פון בהמות . אונ זומער אז דיא ערד ווערט פארטריקנט . בלייבט דיא גאנצע ערד גריבער אונ בערגלאך איז שלעכט צו גיין) זאל מען מעגין גיין בייא דיא זייטין פעלדער . אפילו אין פעלד איז דא תבואה . אונ אז איינער בלאנדזעט צווישען וויין גערטנער מעג ער גיין צווישען דיא צווייגין אונ ער מעג אפ ברעכין צווייגין צו מאכין פאר זיך א וועג דורך צו גיין פון דעם וויין גארטין אויף דעם אמתין וועג . אונ אז א מענטש איז געגאנגען אין א פרעמדע פעלד אונ איז געפאלין אונ געשטארבין זאל מען אים בגראבין אין דיא פעלד :

ד תנו רבנן . דיא רבנן האבען געלערנט דער ים פון טבריה האט געקערט צום שבט נפתלי . אונ אויף דעם ברעג ים אויף דיא טריקענעש האט ער געהאט א חלק אזוי א שטיק וויא ער האט געדארפט דיא נעצין ארויס צוא ציהען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט געירשט דעם ים אונ דרום זייט . מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט

ווען

ע) ים ודרום ירשה . תניא רשב"א אומר תלושים שבהרים בחזקת כל השבטים הן עומדין ומחוברים בחזקת אותו השבט ואין לך כל שבט ושבט מישראל שאין לו בהר ובשפלה ובנגב ובעמק שנאמר (דברים א) פנו וסעו לכם ובאו הר האמורי ואל כל שכניו בערבה בהר ובשפלה ובנגב ובחוף הים וגו' וכן אתה מוצא בכנעניים ובפרזים ובאמוריים שלפניהם שנאמר ואל כל שכניו אלמא שכניו הכי הוו :

ותרמים (קהלת ז) : בחזקת כל השבטים . כל מי שירצה יטול דהא במטלטלים ושאר השלל והמלקוח הוו: וכן אתה מוצא בכנענים . אע"פ שכתיב ראך הר האמורי [אף] כנעני ופרזי כך היו להם וישראל שירשו היה להם לכל אחד הר ושפלה ונגב ועמק [ארץ בדות ובקעות לכן נקראת נגב שכל שעה היא נגובה שאין שם לא אילנות והחמה זורחת ומנגבה] : מפסיע ואזיל מיהד ליהד פסיעות גסות ולא היה רוצה להסתלק אל מצר השדה : גדולה . חזות מראה לו שהוא ירא שמים מאד ואינו חושש לתלמידים שהשנה יהושע ומתוך כיוכרא : בגיזרא דפרזלא . כלומר נידוי .

טו רבי ורבי חייא הוו שקלי ואזלי באורחא איסתלקו לצדי הדרכים הוה מפסיע ואזל רב יהודה בן קנוסא קמייהו א"ל רבי לר' חייא מי הוא זה שמראה גדולה בפנינו א"ל רבי חייא שמא רבי יהודה בן קנוסא תלמידי הוא וכל מעשיו לשם שמים כי מטו לגביה חזייה א"ל אי לאו יהודה בן קנוסא את גזרתינהו לשקך בגיזרא דפרזלא :

טז ואמרו עשרה הני חד סרי הויין) מהלכין בשבילי הרשות שלמה אמרה כדתניא הרי שכלו פירותיו מן השדה ואינו מניח בני אדם ליכנס בתוך



---

ווען יודין זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל אלע אפ געשניטענע תבואה און אפ גערסענע בוימער וואס מען האט גיפונען אויף דיא בערג. דאס האט יעדער יוד גימעגט נעמען. אפ לו עס איז ניט גילעגין אין זיין חלק . און דיא תבואה און בוימער וואס זענען גיוועזען בהעפט צו דיא ערד . האט דאס גיקערט צוא דעם שבט וועם דאס איז גיוועזן אין זיין חלק : און יעדער שבט האט גיהאט אין זיין חלק בערג און טאהלין און טרוקענע ערד און טיפע ארטער . אזוי ווי עס שטייט אי' פסוק קערט איך און ציהט און קומט צום בארג פון אמורי און צוא זיינע אלע שכנים אויף דעם נייבין פלאץ . און אויף דעם בארג און אין דעם טאהל און אין טרוקענעם ארט און אויף דעם ברעג ים. און ניט נאר דער אמורי האט גיהאט דיא אלע זאכען . נאר דער כנעני און דער פריזי ואון אלע זיבען אומות) און דיא אמוריים וואס פאר זייא זענען גיוועזן . האבען אויך גיהאט דיא אלע זאכען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צוא אלע שכנים פון דעם אמורי . זעהן מיר אז אלע שכנים האבען אויך אזוי גיהאט וויא הר אמורי ובערג טאהלין טרוקענע ערד און טיפע ארטער) . און אז דיא יודין האבען גירשת די גאנצע לאנד פון אלע זיבען פעלקער האבען דאך אלע אזוי גיהאט :

טו רבי און רבי חייא זענען אמאהל גיגאנגען אין וועג . זענען זייא גיגאנגען ביי דעם זייט פון וועג און פאר אויס פאר זייא איז גיגאנגען רב יהודה בן קנוסא און ער האט ניט גיוואלט גיין אויף דער זייט וועג (וויל דארט זענען פעלדער) נאר אין מיטען וועג . און ער איז גישפרונגען פון איין בערגיל אויף דעם אנדערין. האט רבי גזאגט צוא רבי חייא ווער איז דאס דער וואס גייט פאר אויס און ער ווייזט אזוי אגרויסע פרומקייט אז ער וויל ניט גיין ביי די זייטין פון דיא פעלדער . האט רבי חייא גזאגט צוא רבי מאמער איז דאס מיין תלמיד רבי יהודה בן קנוסא אלץ וואס ער טוהט מיינט ער פון גאטס וועגין און ניט פון גרויסקייט . אז רבי און רבי חייא זענען גיקומען ביז רבי יהודה בן קנוסא האבען זייא גזאגט צוא אים ווען דוא וואלסט ניט גיוועזען רבי יהודה בן קנוסא וואלטין מיר אפ גיזעגט דיינע פיס מיט אאייזערנע זעג . מיר וואלטין דיך מחרים גיוועזן :

טז אמרו . מען האט גיפרעגט דוא זאגסט צעהן זאכען האט יהושע גיבאטין . מען האט דאך דא אויס גירעכונט עלף זאכען . ענטפערט דיא גמרא דיא זאך אז מען מעג גיין אין פרעמדע פעלדער פון דער צייט וואס מען האט אראפ גינומען דיא תבואה פון פעלד . ביז דעם אנדערין

שדהו מה הבריות אומרות עליו מה הנאה יש לפלוני וסה הבריות מזיקות לו עליו הכתוב אומר מהיות טוב אל תקרי רע ומי כתיב מהיות טוב אל תקרי רע אין כתיב כה"ג (משלי ג) אל תמנע טוב מבעליו בהיות לאל ידך לעשות.

(דף פב) יו״ד עשר תקנות תיקן עזרא. שיהו קורין בתורה במנחה בשבת וקורין בשני וחמישי [ודנין בשני ובחמישי ומכבסין בחמישי בשבת ואוכלין שום בערב שבת ושתהא אשה משכמת ואופה ושתהא אשה חוגרת בסינר ושתהא אשה חופפת וטובלת ושיהו רוכלין מחזירין בעיירות ותיקן טבילה לבעלי קריין. שיהו קורין במנחה בשבת משום יושבי קרנות ושיהיו קורין בשני ובחמישי) עזרא תיקן והא מעיקרא הוה מתקנה דתניא (שמות טו) וילכו שלשת ימים במדבר ולא מצאו מים דורשי רשומות אמרו אין מים אלא תורה שנאמר (ישעיה נה) הוי כל צמא לכו למים כיון שהלכו שלשת ימים בלא תורה (מיד) נלאו עמדו נביאים שביניהם ותקנו להם שיהו קורין בשבת ומפסיקים באחד בשבת

[מכבסין] בגדיהם לכבוד שבת: ואוכלין שום [לקמן מפרש טעמא] (משום שמטה עוסק בליל שבת כדרך יהודה והשום מרבה זרע כדלקמן): ושתהא אשה משכמת ביום שצריכה לאפות ואופה שחרית כדי רש כדי שתהא] פת מצויה לעני המחזר: בסינר. דוגמת מכנסים קטנים ··· בלשה חופפת. במסרק ביום טבילתה משום חציצה ולקמן פריך הא דאורייתא הוא: רוכלין. מוכרין בשמים לנשים להתקשט בהם: מחזירין בעיירות. ולא יוכלו בני העיירות לעכב עליהם: משום יושבי קרנות: יושבי חנויות כל ימות החול עוסקין בסחורה ואין קורין

---

רעגין דאס האט שלמה המלך געבעטין. אזוי וויא מיר האבען געלערנט אז מען הט שוין אראפ גענומען דיא תבואות פון פעלד. אונ ער לאזט ניט קיין מענטש אריין גיין אין זיין פעלד. וואס זאגין מענטשין אויף אים וואס פאר הנאה האט דער מענטש היינט פון דיא פעלד. אונ וואס פר אשאדין טוהען אים דיא מענטשין אז זייא גייען אין דיא פעלד. אויף אים זאגט דער פסוק אז דוא קענסט זיין אגוטער זאלסטו ניט גירופען ווערין אשלעכטער. פרעגט דיא גמרא שטייט דען אפסוק אז דוא קענסט זיין אגוטער זאלסטו ניט גירופען ווערין אשלעכטער. ענטפערט דיא גמרא יא עס שטייט אפסוק אזוי אגלייכין. דוא זאלסט ניט פאר מיידין גוטס פון אמענטשין אז דוא קענסט אים טאן דאס גוטס:

יוד עשר. צעהן זאכען האט עזרא געבאטין. מען זאל לייענען אין דער ספר תורה שבת צו מנחה. אונ מאנטאג אונ דאנערשטאג. אונ בית דין זאלין משפטין דין תורות מאנטאג אונ דאנערשטאג. אונ יעדער מענטש זאל וואשין זיינע קליידער דאנערשטאג. זייא זאלין זיין ריין אויף שבת: אונ מען זאל עסין קנאביל ערב שבת. אונ אאשה זאל אויף שטיין פרייטאג פריא אונ זאל באקין חלות. אונ אאשה זאל גיין מיט אפארטוך. אונ אאשה זאל זיך איים קעמען פאר דער טבילה. אונ קראמעניקעס זאלין ארום גיין אין די קליינע שטעטלאך אונ אין די דערפער פאר קויפען בשמים צוא ווייבער זייא זאלין זיך צירען. אונ דער וואס ווערט שכבת זרע זאל ער זיך טובל זיין. זאגט דיא גמרא פאר וואס לייענט מען אין דיא ספר תורה שבת צוא מנחה. ווייל די מענטשין וואס האנדלען אגאנצע וואך קומען ניט אין שוהל אפילו מאנטאג אונ דאנערשטאג אויך ניט. פון זייערט וועגין לייענט מען שבת צוא מנחה. זייא זאלין נאך תורה הערין. פרעגט דיא גמרא הט דען עזרא גימאכט דיא תקנה מען זאל לייענען מאנטאג אונ דאנערשטאג דיא תקנה הבען דאך דיא נביאים גימאכט נאך פאר עזרא. ווארום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק זייא זענען גיגאנגען דריי טעג אין דער מדבר אונ האבען ניט גיפונען וואסער. דיא דרשנים זאגין וואסער מיינט מען תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע דארשטיגע גייט צום וואסער. דאס מיינט מען דיא תורה איז פרייא צוא לערנען. אזוי וויא וואסער איז פריי צום טרינקען. וויא דיא יודין זענען גיגאנגען דריי טעג אן תורה זענען זייא מיד גיווארין. זענען אויף גישטאנען דיא נביאים וואס זענען גיווען צווישען זייא אונ האבען גימאכט אתקנה מען זאל לייענען די תורה שבת. אונ זונטאג ניט. אונ מען זאל לייענען די תורה מאנטאג. אונ דינסטאג

אונ

בשבת וקורין בשני ומפסיקין בשלישי וברביעי וקורין בחמישי ומפסיקים ערב שבת כדי שלא ילינו בלא תורה שלשת ימים . מעיקרא תקנו חד גברא תלתא פסוקי א"נ תלתא גברי ותלתא פסוקי כנגד כהנים לוים וישראלים אתא הוא תיקן תלתא גברי ועשרה פסוקי נגד י' בטלנין

**יח** ת"ר ה' דברים נאמרו בשום משביע ומשחין ומצהיל פנים ומרבה הזרע והורג כנים שבבני מעים וי"א מכנים ארבה ומוציא את הקנאה :

(ע"ב) **יט** עשרה דברים נאמרו בירושלים אין הבית חלוט בה ואין מביאה עגלה ערופה ואינה נעשית עיר הנדחת ואינה מטמאה בנגעים ואין מוציאין בה זיזין וגזוזטראות ואין עושין בה אשפתות ואין עושין בה כבשונות ואין עושין בה גנות ופרדסות חוץ מגנת וורדין שהיו מימות נביאים ראשונים ואין מגדלין בה תרנגולים ואין מלינין בה את המת אין הבית

קורין בב' וה' היקן בגינייהו קריאה יתירה] : י בטלנין . ב"א כשרים בטלים ממלאכתן לעסוק בצרכי צבור ולבא קודמין לבה"כ כדי שיהו מצויין עשרה לבית התפלה ומהפרנסים מבל צבור : משחין . מחמם את הגוף : מכנים את האהבה . מתוך שמשמח את הלב :

אין הבית חלוט בה כדין בתי ערי חומה אלא גאולה תהיה לו אם ירצה לגאול ואם יגיע יובל יצא ביובל כבתי ערי חצרים : זיזין . קורה יוצאין מן הכתלים גזוזטראות אולארייז"ר בלעז על פני עמים שבחוץ : כבשונות . משרפות כיד לקדירות : גינה . וורדין כך שמה והיא היתה גריבה לקטרת והיים כיפת הירדן ע"ש הדרך הורד לגדל על שפת הירדן : אין מלינים בה מת . מת בו אדם באותו היום קוברין אותו מיד : עריך . משמע שאסה

אונ מיטוואך נ.ט . אונ מען זאל לייענען דיא תורה דאנערשטאג . אונ פרייטאג ניט : עס זאל ניט אריבער גיין דריי טעג אן תורה . ענטפערט דיא גמרא פריער איז געוועזן דיא תקנה אז איין מענטש זאל לייענען דריי פסוקים . אדער דריי מענטשין זאלין לייענען דריי פסוקים . יעדער זאל לייענען אין פסוק) . געגין כהנים לוים ישראלים איז געקומען עזרא אונ האט געמאכט א תקנה מען זאל לייענען צוא דריי מענטשין צעהן פסוקים וצוא איינעם דריי פסוקים צום אנדערין דרייא פסוקים צום דריטען פיר פסוקים) געגין דיא צעהן בטלנים וואס דארפין זיין אין יעדער שטאט ואין א שטאט דארף זיין צעהן מענטשין לידיגע זייא זאלין ניט טאהן קיין ארבעט . נאר דיא שטאט זאלין זייא געבין פרנסה . אונ דיא צעהן מענטשין זאלין קומען פריא אונ אבענד אין שוהל צום דאוונען :

**יח** תנו רבנן : דיא רבנן האבען גילערונט פינף זאכען איז גזאגט געווארין ביי קנאביל . עס מאכט זאט . אונ עס דער ווארעמט דעם מענטש . אונ עס מאכט שיין דעם פנים . אונ עס מערט דיא שכבת זרע . אונ עס הרגעט דיא ווערים וואס אין בויך . אונ אנדערע זאגין דס ברייגגט אין דעם מענטשין ליבשאפט . ער זאל ליב האבען אלע מענטשין אונ ער זאל קיינעם ניט מקנא זיין :

**יט** עשרה . צעהן זאכען איז גזאגט געווארין ביי ירושלים . אז איינער פר קויפט א שטוב אין ירושלים . איז דיא שטוב ניט פאר פאלען בייא דעם וואס האט איר גיקויפט נאר ווען דער פאר קויפער האט געלט גיט ער צוריק דאס געלט אונ נעמט אפ דיא שטוב . אונ אז ער האט ניט אויס גילייזט דיא שטוב ביז יובל . אז עס קומט יובל גייט דיא שטוב צום פאר קויפער אומזיסט אן געלט . אונ ירושלים ברייננט ניט קיין עגלה ערופה וויא עס שטייט אין סוף סדרה שופטים) . אונ ירושלים ווערט ניט קיין עיר הנדחת וויא עס שטייט אין דיא סדרה ראה קפיטול יג) . אונ אז עס איז דא א נגע אין א שטוב אין ירושלים . איז די שטוב ניט טמא . אונ פון די שטובין וואס אין ירושלים טאר ניט ארויס גיין קיין בעלקעס אונ קיין גאנעקעס פון דיא וואנט אויף דיא גאס . אונ מען טאר ניט מאכין קיין מיסט קאסטינס אין ירושלים . אונ מען טאר ניט מאכין אין ירושלים קאך הויבנס צו ברענען וואפנע אונ טעפ . אונ מען טאר ניט מאכין אין ירושלים קיין גערטנער אונ קיין ווייגגערטנער . נאר ארויזין גארטין מעג מען מאכין אין ירושלים . ווייל ווען דיא ערשטע נביאים זענען געוועזן אין ירושלים איז אין זייער צייט אויך געוועזן רויזין גארטינס אין ירושלים . ווייל דיא רויזין דארף מען צוא קטרת . אונ

מעו

ידע לאו מיוחדת היא: אלא בטומאה: שמא יהא בזיז מן המת מוטל בארץ והגזוזטראות מאהילות עליו ועל האדם הרבה ונמצא מרבה את הטומאה: משום ברגים. דרכן ליגדל באשפה ומרבים טומאה לפי שמהים שם ומטמאים הקדשים שבירושלים: קטרא. עשן שמשחיר את החומה ומגלי היא: סרחון

הבית חלוט בה דכתיב (ויקרא כה) וקם הבית אשר בעיר אשר לו חומה לצמיתות לקונה אותו לדורותיו וקסבר לא נחלקה ירושלים לשבטים ואינה מביאה ע"ע דכתיב (דברים כא) כי ימצא חלל באדמה אשר ה' אלהיך נותן לך לרשתה וירושלים לא נחלקה לשבטים ואינה נעשית עה"נ דכתיב עריך וירושלי' לא נחלקה לשבטים ואינה מטמאה בנגעים דכתיב (ויקר' יד) ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחזתכם וירושלים לא נתחלקה לשבטים ואין מוציאין בה זיזין וגזוזטראות מפני אהל הטומאה ומשום דלא ליתזקו עולי רגלים ואין עושין בה אשפתות משום שקצין ואין עושין בה כבשונות משום קוטרא ואין עושין בה גנות

גנות

---

מען טאר ניט אדעווען הינער אין ירושלים. אונ מען טאר ניט לאזין געכטיגען אמת אין ירושלים: זאגט דיא גמרא פאר וואס אז איינער פארקויפט אשטוב אין ירושלים איז זיא ניט פאפאלין ביא דעם קויפער. ווייל עס שטייט אין פסוק דיא שטוב וואס אין דיא שטאט וואס זיא האט אמאהער ארום זאל בלייבין שטיין אויף אייביג צו דעם וואס האט איר גקויפט אונ צוא זיינע קינדער נאך אים. אויב דיא שטוב קען בלייבין ביא דעם קויפער פאר אים אונ פאר זיינע קינדער בלייבט זיא ביא אים. אבער ירושלים איז ניט צו טיילט גיווארען צו דיא שבטים. נאר אלע יודין האבין אחלק אין ירושלים. ווערט דאך דיא שטוב ביי וויא זיא ניט בלייבין ביא אים אונ ביא זיינע קינדער אויף אייביג. דריבער קען דער פאר קויפער זיא אים לייזין צו יעדער צייט ווען ער האט געלט. אונ אז ער האט ניט אוים גילייזט ביז יובל. גייט זיא צום פאר קויפער אום יובל פריי אן געלט. פאר וואס דארף ירושלים ניט ברייגגען אעגלה ערופה: ווארום עס שטייט אין פסוק אז עס וועט גיפונען ווערין אגיהרגתר אויף דיא ערד וואס גאט גיט דיר צום ירשנן: אבער ירושלים איז ניט צו טיילט גיווארין צוא שבטים. איז דאך ירושלים ניט געירשת גיווארין. פאר וואס ווערט ניט ירושלים אעיר הנדחת ווייל שטייט אין פסוק עריך. אין איינע פון דיינע שטעט. אונ ירושלים איז ניט צוא טיילט גיווארין צוא שבטים. ווערט דאך ירושלים ניט גירופין דיין שטאט. ווארום זיא גיהער צוא אלע יודין. פאר וואס אז עס איז דא אנגע אין אשטוב אין ירושלים. ווערט ניט טמא דיא שטוב. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל געבין אנגע צרעת אין דיא שטוב וואס אין דיא לאנד וואס איר האט זיא געירשת. אבער ירושלים איז ניט צוא טיילט גיווארין צוא שבטים. איז ירושלים ניט געירשת גיווארין. פאר וואס טאר מען ניט ארויס ציהען בעלקים אונ גאנעקעס פון דיא שטובין וואס זענען אין ירושלים. דורך צווייא זאכין. איינס עס זאל ניט גימערט ווערין טומאה. אז פון שטוב וועט ארויס גיין אבעלעק אדער אגאנעק טאמער וועט ליגען אונטער דעם בעלעק אדער אונטער דעם גאנעק אשטיקיל פלייש פון אמת גרוים וויא אאייבירט. וועלכער מענטש עס וועט גיין אונטער דעם בעלעק אדער אונטער דעם גאנעק. אדער וועלכע כלים אונ עסינווארג עס וועט דורך גיטראגין ווערין אונטער דעם בעלעק אדער אונטער דעם גאנעק וועט אלץ טמא ווערין. אונ אז עס וועט קומען יום טוב וואס אין ירושלים זענען דא פיל מענטשין אונ דיא גאסין זענען איינג פון מענטשין אונ איינער שטויסט דעם אנדערין אז פון וואנט וועט ארויס גיין בעלקעס אונ גאנקעס. ווערין זיך פיל מענטשין שאדין מאכין. פאר וואס זאל מען ניט מאכין אין ירושלים קיין מיסט קאסטינס: ווייל אויף דיא מיסט קאסטינס אדעווען זיך שרצים אונ דיא פייגערין דארט וועט גימערט ווערין טומאה אין ירושלים. פאר וואס טאר מען ניט מאכין אין ירושלים קאלך הויבינס. ווייל דער רויך פון דיא קאלך הויבינס מאכט שווארץ דיא ווענט פון דיא הייזער איז ניט שיין. פאר וואס טאר מען ניט מאכין אין ירושלים גערטנער אונ ווין גערטנער ווייל גערטנער דארף מען מיסטען. וועט שטינקען אין ירושלים פון דיא מיסט. אונ ווין גערטנער

וואקסט

גנות ופרדסין משום סרחון ואין מגדלין בה תרנגולים משום קדשים ואין מלינים בה את המת גמרא: ת"ר כשצרו בית חשמונאי זה על זה היה הורקנוס מבפנים ואריסטובלוס מבחוץ ובכל יום היו משלשלים להם בקופה דינרין והיו מעלים להם תמידים היה שם זקן אחד שהיה מכיר בחכמת יונית אמר להם כ"ז שעוסקין בעבודה אין נמסרים בידכם למחר שלשלו דינרין בקופה והעלו להם חזיר כיון שהגיע לחצי החומה נעץ צפרניו בחומה ונזדעזעה א"י ארבע מאות פרסה על ד' מאות פרסה באותה שעה אמרו ארור האיש שיגדל חזירים וארור האדם שילמד את בנו חכמת יונית ועל אותה שעה שנינו מעשה שבא עומר מגגות צריפין ושתי הלחם מבקעת עין סוכר. וחכמת יונית מי אסירי והתניא אמר רבי בא"י (דף פג) לשון סורסי למה

סרחון. עשבים רעים הגדלים שם וזורקן בתוך ועוד דרך גנות לזבלן ויש סרחון: משום קדשים. שהתרנגולים מנקרים באשפה ומביאים בשר שרצים בפיהם ומטמאים את הקדשים: גמרא. מסורת היא בידינו ואין טעם לדבר: הורקנוס ואריסטובלוס אחין היו ומריבין על דבר המלוכה: היו משלשלין אותן. שבפנים מורידין מעל החומה דינרין מתרומת הלשכה בקופה לאותן שבחוץ לקנות תמידין: נעץ צפרניו. תקעם שם דרך חזיר כשגוררין אותו: ועל אותה שעה שנינו. במנחות: מעשה שבא העומר. שהיה רגיל לבוא מן הקרוב לירושלים ואותה שעה בא מגגות צריפין רחוק מירושלים לפי שהחריבו בני המצור את תבואות השדה: מבקעת עין סוכר. שם מקום: לשון סורסי למה אלא או לשון הקדש או לשון יונית.

וואקסט אין זיא שלעכטע גראז אונ מען רייסט זיא אויס אונ זיא בלייבן ליגען אונ ווערין פאר פוילט שטינקט אויך פון זיא. פאר וואס טאר מען ניט האדעווען קיין הינער אין ירושלים. וויל הינער גייען ארום אויף דיא מיסטען אונ קלויבן ווערים. טאמער ווערין זיא נעמען אין מויל אביינדיל פון אשרץ גרויס וויא אלינדז. אונ ווערין דאס ארויף ווארפין אויף פלייש פון קרבנות. וואס עס איז דא אין ירושלים אין אלע שטובין. שלמים תודה מעשר בהמה אונ נאך אנדערע קרבנות. פאר וואס טאר ניט נעכטיגען א מת אין ירושלים. אויף דעם האבען אונז אונזערע עלטערין פאר באטין אונ מיר ווייסין ניט פאר וואס:

ב תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערונט ווען דיא משפחה השמונאי האבין באגערט איינער אויף דעם אנדערין דאס מיינט מען דיא צוויא ברידער הורקנוס אונ אריסטובלוס. איז הורקנוס גיוועזן אינווייניג אין ירושלים. אונ אריסטובלוס איז גיוועזן אויס ווייניג אויסער ירושלים אלע טאג פלעגין דיא מענטשין פון אינווייניג אראפ לאזין אין אקעסטיל געלט צוא דיא מענטשין וואס זענען גיוועזן אויס ווייניג זיא זאלין קויפין שעפסין מקריב זיין דעם קרבן תמיד אונ די מענטשין וואס זענען גיוועזן אויס ווייניג פלעגין זיא ארויף געבין שעפסין צו מקריב זיין תמידים. איז דארט גיוועזן אויס ווייניג אאלטער מאן וואס האט גיקענט דיא גריכישע חכמות. האט ער צוא זיא גיזאגט אזוי לאנג וויא זיא זענען מקריב קרבנות אין ירושלים וועט איר זיא ניט איין נעמען. אויף מארגין האבען דיא מענטשין פון אינווייניג אראפ גילאזין געלט אין אקעסטיל מען זאל קויפין שעפסין. אונ זיא פלעגין אראפ לאזין שטריק מען זאל אנבינדען דיא שעפסין מיט דיא שטריק אונ זיא זאלין ארויף ציהען דיא שעפסין אינווייניג אין שטאט אריין. האבען זיא אנגיבונדין אחזיר אויף דיא שטריק. אונ דיא מענטשין פון אינווייניג האבען גישלעפט דיא שטריק. זיא האבען גימיינט זיא שלעפין שעפסין. וויא דער חזיר איז גיקומען צום העלפט מויער. האט דער חזיר אריין גישטעקט זיינע נעגיל אין וואנט. האט ארץ ישראל אציטער גיטאהן פיר הונדערט מייל אויף פיר הונדערט מייל. אין דער צייט האט מען גיזאגט פאר פלוכט זאל זיין דער מענטש וואס וועט האדעווען חזרים אין ארץ ישראל אונ פאר פלוכט זאל זיין דער מענטש וואס וועט לערנען זיין זוהן דיא גריכישע חכמות. אויף דיא צייט פון דער מעשה האבין מיר גילערונט עס האט גיטראפין מען האט גיבראכט דעם עומר פון דיא גערשטין וואס האט גיוואקסין אין דעם ארט גגות צריפין. ווייט פון ירושלים. אונ דעם שתי הלחם דיא צוויא ברויט וואס מען איז מקריב שבועות האט מען גיבראכט פון דיא ווייץ וואס האט גיוואקסין אין דעם טאהל עין סוכר. אויך ווייט פון ירושלים. ווארום דער חיל פון אריסטובלוס האבען צוא טרעטין אלע תבואות וואס ארום ירושלים. פרעגט דיא גמרא טאר מען דען ניט

לערנע:

כאן לשון לה"ק וסורסי לשון נלעג הוא: פרסי. לשון שלא מארמי בארץ ישראל הסמוכה לשון הקדש יוני ובבל הסמוך לפרס נקט ל' פרסי: חכמת יונית. בני פלטין הקרובים למלכות מספרין בה: עיני עוללה לנפשי. ר"ג מ"ד כלומר כך א"ר כמעין קורא אני על עצמי המקרא הזה שיש עלי לעולל עיני בבכי ודמעה מכל משפחות העיר: ילדים. בחורים: המספר קומי. לשאים במלה: מדרכי האמורי. במספרים מלפניהם ומשיירין בלורית מאחריהן:

או לשון הקדש או לשון יונית ואמר רבי יוסי בבבל לשון ארמי למה או לשון הקדש או לשון פרסי אמ"י לשון יונית לחוד וחכמת יונית לחוד. והכמת יונית כי אסירא והאמר רב יהודה אמר שמואל משום רשב"ג (איכה ג) עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי אלף ילדים היו בבית אבא ה' מאות מהם למדו תורה וחמש מאות מהם למדו חכמת יונית ולא נשתייר מהם אלא אני כאן ובן אחי אבא בעסיא אמרי שאני בית ר"ג שהיו קרובים למלכות וכדתניא המספר קומי הרי זה מדרכי האמורי אבטולמוס בר ראובן התירו לו לספר קומי מפני שהוא קרוב למלכות של בית ר"ג התירו להם לספר בחכמת יונית מפני שקרובים למלכות:

כא ת"ר לא יגדל אדם את הכלב אלא א"כ קשור בשלשלת אבל מגדל הוא בעיר הסמוכה לספר וקושרו ביום ומתירו בלילה וכו':

כב דרש רבי דוסתאי דמן בירי (במדבר י) ובנחה יאמר שובה ה' רבבות אלפי ישראל ללמדך שאין השכינה שורה על ישראל פחות משני אלפים

---

לערנען די גריכישע חכמות, מיר האבען דאך גילערנט רבי זאגט צוא וואס לערינט מען אין ארץ ישראל דעם לשון סורסי. מען דארף נאר לערנען אדער לשון קדש אדער גריכיש. און רבי יוסי האט געזאגט צוא וואס לערונט מען אין בבל דעם לשון ארמיש מדארף נאר לערנען אדער לשון קדש אדער לשון פערסיע. זעהן מיר דאך אז מען מעג לערנען גריכיש. ענטפערט די גמרא די גריכישע שפראכע מעג מען לערנען. אבער די גריכישע חכמות טאר מען ניט לערנען. פרעגט די גמרא און די גריכישע חכמות טאר מען ניט לערנען. רב יהודה האט דאך געזאגט פון שמואלס וועגין אז רבן שמעון בן גמליאל האט אויף זיך גיזייגט דעם פסוק עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי. מיינע אויגען זענען פאר מיאוסט גיווארין פון גיוויין וואס איך האב גיוויינט מער וויא אלע טעכטער פון מיין שטאט. טויזענד יונגע מענטשין איז גיוועזען אין מיין פאטערס משפחה: פינף הונדערט פון זייא האבען גילערונט תורה. און פינף הונדערט פון זייא האבען גילערונט גריכישע חכמות. און די אלע טויזענד זענען גישטארבין. פון זייא איז ניט מער געבליבען נאר איך דא און דער זוהן פון מיין פאטערס ברודער וואס ער וואוהנט אין עסיא. אז מען וואלט ניט גיטארט לערנען די גריכישע חכמות. וויא אזוי האבען די משפחה פון רבן גמליאל גילערונט די גריכישע חכמות. ענטפערט די גמרא וויל די משפחה פון רבן גמליאל פלעגין אריין קומען צוא די גרויסע לייט פון דער מדינה האבען זייא גימוזט קענען די גריכישע חכמות. אזוי וויא מיר האבען גילערונט דער וואס גאלט אפ די האר פון פאדערשטין האלבין קאפ. האט ער גיטאהן וויא די אמוריים. טאר מען ניט. צוא אבטולמוס בר ראובן האט מען מתיר גיוועזען ער זאל אפ גאלין דעם פאדערשטין האלבין קאפ: וייל ער גייט אריין צו די גרויסע לייט פון דער מדינה. און צוא דער משפחה פון רבן גמליאל האט מען מתיר גיוועזען צוא שמועסין די גריכישע חכמות. וייל זייא גייען אריין צו די גרויסע לייט פון דער מדינה:

כא תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט אמענטש זאל ניט האלטען אהונט סיידין ער איז אן גיבונדען מיט אקייט. אבער אין אשטאט וואס איז נאנט צוא אגרענעץ מעג מען האלטען אהונט. ביי טאג זאל ער זיין צוא גיבונדען. און ביי נאכט זאל ער אים אויף בינדען:

כב דרש. רבי דוסתאי פון בירי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק ווען דער ארון האט גירוהט פלעגט משה זאגין גאט קער צוריק די צוויי צעהן טויזענדער און די צוויי טויזענד יודין. דר פסוק לערונט אונז אז די שכינה רוהט ניט אויף די יודין אז זייא זענען ווייניגער וויא צוויי

און

אלפים ושני רבבות הסר אחד והיתה אשה עוברה ביניהם וראויה להשלים ונבח בה כלב והפילה נמצא זה גרם לשכינה שתסתלק מישראל :

ניה . ויתלמו"ן כלע"ו כ"ח ד' סוי הכלב המלריכות בכו נובן קן שמעתי (בכבי"רה) : [שקילא טיבותך וכו' . נטולה היא טובתך ומוטלת על הקוץ מה שלחת מהממני הכל : כבר נד . ונעקר ממקומו] :

**כג ההיא** אתתא דעאלת לם פא בההוא ביתא נבח בה כלבא א"ל מאריה לא תסתפי מיניה שקילי גיביה אמרה ליה שקילא (טיבותיה דההוא גברא) [טיבותיך] שדיא אחיזרי כבר נד ולד .

## החובל פרק שמיני

(דף פה) **א ורפא** ירפא (שמות כא) יכול אפילו שלא כחמת הכבה ת"ל רק) אמר מר יכול אפילו שלא מחמת המכה ת"ל רק שלא מחמת המכה בעי קרא אמרי מאי שלא מחמת המכה כדתניא הרי שעבר על דברי רופא ואכל דבש א. כל מיני מתיקה מפני

---

און צוואנציג טויזענד . וויא איז אז עס איז אמאהל גיוועזן צוויא און צוואנציג טויזענד יודין . ווייניגער איינעם . איינער האט גיפעלט צו צוויי און צוואנציג טויזענד . האט דיא שכינה ניט גירוהט אויף דיא יודין . צווישען דיא יודין איז גיוועזן אאשה וואס איז גיוועזן מעוברת . האט מען גיווארט אז דיא אשה וועט האבען אקינד וועט שוין זיין צוויא און צוואנציג טויזענד יודין וועט שוין רוהען דיא שכינה . דער ווייל הט איינער גיאדעוועט אהונט . און דער הונט הט אנגיהויבען בילען אויף דיא אשה . האט זיך דיא אשה דער שראקין און האט מפיל גיוועזן דאס קינד . איז דאך שוין ווייטער נישטא קיין צוויי און צוואנציג טויזענד יודין . האט דאך דער בעל הבית פון הונט גיבראכט דער צו אז דיא שכינה זאל אפ גיטאהן ווערין פון דיא יודין :

**כג** ההיא . אאשה איז אמאהל אריין גיגאנגען אין אשטוב צום באקין . הט אהונט געבילען אויף איר . האט דער בעל הבית פון שטוב גיזאגט צוא דיא אשה זאלסט ניט מורא האבען פאר דעם הונט ער האט ניט קיין ציין . האט דיא אשה גיזאגט צום בעל הבית נעם דיין טובה און לייג זיא אויף דיא דערנער . דאס קינד האט זיך שוין גערירט פון ארט . איך וועל אים גיוויס מפיל זיין :

## פרק שמיני

**א** ורפא . עס שטייט אין פסוק אז איינער האט גישלאגין זיין חבר . און דער חבר איז קראנק גיווארין . דארף ער דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין . וואלט איך מיינען אפילו ער איז קראנק גיווארין ניט פון דעם שלאגין . דארף ער אויך דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין . שטייט אין פסוק רק . נאר . נאר פון דעם שלאגין אז ער איז קראנק גיווארין דארף ער דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין . אבער אז ער איז קראנק ניט פון דעם שלאגין דארף ער ניט דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין . פרעגט דיא גמרא דער תנא זאגט איך וואלט מיינען אפילו ער איז קראנק גיווארין ניט פון דעם שלאגין זאל ער אויך דארפין דינגען אדאקטאר אים צו היילין . דריבער שטייט אין פסוק רק . נאר פון דעם שלאגין אז ער איז קראנק גיווארין דארף ער דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין . אבער אז ער איז קראנק ניט פון דעם שלאגין דארף ער ניט דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין . איז דאך אקשיא אז ער איז קראנק ניט פון דעם שלאגין דארף מען האבען אפסוק אז ער דארף אים ניט היילין . גיוויס דארף אזוי זיין אן דעם פסוק . ענטפערט דיא גמרא וואס מיינט מען ניט פון שלאגין . אזוי וויא מיר האבען גירעדט . איינער האט גישלאגין זיין חבר און ער האט אים גימאכט אמכה . און דער דאקטאר האט אים פאר זאגט ער זאל ניט עסין קיין האניק און קיין זיסע זאכען . ווייל האניק און אנדערע זיסע זאכען שאדין צו דער מכה . און ער האט ניט גיפאלגט דעם דאקטאר . און ער האט יא גיגעסין האניק

מפני שדבש וכל מיני מתיקה קשין למכה והעלה מכתו גרגותני יכול יהא חייב לרפאותו ת"ל רק מאי גרגותני אמר אביי נאתא כריכתא מאי אסותיה אהלא וקירא וקלבא ואי א"ל אסיך אנא א"ל דמית עלי כאריא ארבא ואי א"ל אייתינא אסיא דמגן במגן א"ל אסיא דמגן במגן מגן שוי' ואי אמר מייתינא לך אסיא רחיקא א"ל אסיא רחיקא עינא עוירא ואי א"ל הך הב לדידי ואנא מסינא נפשאי א"ל פשעת בנפשך ושקלה מינאי טפי ואי א"ל קוץ לי בקץ א"ל כל שכן פשעת בנפשך וקרו לי שור המזיק:

נאתא כריכתא . בשר מת : אהלא . אהלמ"י בלע"ז : וקירא . שעוה : וקלבא . ריביכ"א שבת . יוה של יין : ואי א"ל . מזיק : אסייך אנא . אני מרפא אותך ואיני נותן דמי אסייך : רחיקא . ומוזיל גבי : עינא עוירא . שעתיד לילך לדרכו ואין רואים אם עור עינו של זה : אסיא דמגן . שירפא בחנם וקרוב הוא : כ"ש . דלא ניחא לי בהכי דהוי פשעת בנפשך גנאי גדול הוא לי דקרו לי שור המזיק :

וכולן . עניים ועשירים : רואין אותם . אפי' את העשירים : כאילו ירדו כו' . ואין שמין העני לפי עניותו לבקל ולא את העשיר לפי עשרו שהכי אין לדמי

(דף פו) ב [פיסקא] בשת הכל לפי המבייש והמתבייש . מני כתניתין לא רבי מאיר ולא ר' יהודה אלא רבי שמעון היא דתנן וכולן רואין אותן כאילו הם בני חורין שירדו מנכסיהם שהם בני אברהם יצחק ויעקב דברי רבי מאיר רבי יהודה

אונ אנדערע זיסע זאכען . אונ אויף דער מכה איז אויף געוואקסען גרגותני . ווארט איך מיינען א ער דארף דינגען דעם דאקטאר ער זאל אים היילין . שטייט אין פסוק רק . אז עס איז נאר פון דער מכה . דארף דער שלעגער דינגען אדאקטאר מען זאל אים היילין . אבער אז דער קראנקער האט ניט געפאלגט דעם דאקטאר . דריבער איז ער קראנק געווארין . דארף ער ניט דינגען דעם דאקטאר מען זאל אים היילין . וואס איז גרגותני . אביי זאגט גרגותני איז נאתא כריכתא . ווילד פלייש . מיט וואס היילט מען דאס . מיט אהלא אונ קירא אונ קלבא . ודאס איז וואקס אונ הייוון פון וויין אונ בשמים) . אונ אויב דער שלעגער זאגט איך וויל ניט דינגען אדאקטאר נאר איך אליין וועל דיך היילין . קען דער קראנקער זאגען דוא ביסט ביי מיר גלייך וויא א לייב וואס לאקערט אויף מיר מיך צו הרגנען . אונ אויב דער שלעגער זאגט איך וועל ברייננגען אדאקטאר וואס וועט דיך היילין אומזיסט . קען דער קראנקער זאגען דער דאקטאר וואס היילט אומזיסט איז גאר ניט ווערט . אונ אויב ער זאגט איך וועל דיר ברייננגען אדאקטאר פון א ווייטע שטאט . קען דער קראנקער זאגען א ווייטער דאקטאר בלייבט דער אויג בלינד . דאס איז א משל אויב א ווייטער דאקטאר היילט איינעם אאויג . בלייבט דער אויג בלינד . ווארום ער היילט ניט גוט . ווייל ער איז ניטא מען זאל אים קענען מאנען פר וואס האסטו ניט גוט אויס געהיילט . אונ אויב דער קראנקער זאגט גיב מיר דאס געלט פון דאקטאר איך וועל מיך אליין היילין . קען דער שלעגער זאגען דוא וועסט דיך אליין שאדין מאכען עס זאל מיך פיל געלט קאסטען . אונ אויב דער קראנקער זאגט צום שלעגער זאג מיר וויפיל דוא וועסט מיר געבין פאר דעם היילונג . וועסטו שוין פריי זיין פון דעם דאקטער . קען דער שלעגער זאגען דאס וויל איך געוויס ניט . ווארום דוא וועסט דיך ניט היילין וועלין בלייבין דיינע מכות . אונ ווער דיך וועט זעהן וועט ער זאגין דאס זענען די מכות וואס דער מענטש האט אים גימאכט . וועט מען מיך אייביג דער מאנען צום שלעכטין :

ב פיסקא . בשת . אז איינער פאר שעמט זיין חבר . דארף מען זעהן ווער דער פאר שעמער איז . אונ ווער עס איז פאר שעמט געווארין . אזוי זאל מען אפ שאצין דאס בצאלונג . אויב אפראסטער מענטש פאר שעמט דארף ער מער בצאהלין . אונ אויב מען פארשעמט אאיידעלין מענטש דארף מען מער בצאהלין . פרעגט די גמרא וויא ווער וועט אויס קומען די משנה . ניט וויא רבי מאיר אונ ניט וויא רבי יהודה נאר וויא רבי שמעון . ווארום מיר האבען געלערנט אלע יודין אפילו די ארעמע זעהן מיר זייא גלייך וויא זייא האלטין געוועזען פרייע מענטשין ונית פאר דונגען אונ ניט פאר קויפטו אונ גלייך וויא זייא האלטין אמאל רייך געוועזען . נאר זייא זענען אראפ געגידערט פון זייער פאר מעגין . ווארום זייא זענען די קינדער פון אברהם אונ יצחק אונ יעקב . דריבער זענען אלע יודין גלייך ארעמע אונ רייכע . אזוי זאגט רבי מאיר . רבי יהודה זאגט מען

שאצט

יהודה אומר הגדול לפי גדלו והקטן לפי קטנו ר"ש אומר עשירים רואין אותם כאילו הם בני חורין שירדו מנכסיהם עניים כפחותין שבהם:

(דף פז) **ג תניא** רבי יהודה אומר סומא אין לו בושת וכן היה רבי יהודה פוטרו מכל מצות האמורות בתורה אמר רב ששת בריה דרב יהודה מ"ט דרבי יהודה אמר קרא (דברים ד) אלה העדות והחקים והמשפטים כל שישנו במשפטים ישנו במצות וחוקים וכל שאינו במשפטים אינו במצות וחוקים אמר רב יוסף מריש הוה אמינא מ"ד הלכה כר"י דאמר סומא פטור מן המצות קא עבידנא יומא טבא לרבנן מ"ט דלא מפקידנא וקא עבידנא מצות והשתא דשמעינן להא דרבי חנינא דא"ר חנינא גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה מאן דאמר לי. אין הלכה כרבי יהודה עבידנא יומא טבא לרבנן מאי טעמא כי מקידנא אית לי אגרא טפי:

(דף צ ע"ב) **ד משנה** מעשה באחד שפרע ראש האשה בשוק באת לפני רבי עקיבא וחייבו ליתן לה ת' זוז א"ל רבי תן לי זמן ונתן לו זמן שמרה עומדת

נושהו כוף"וגם כולן שוין בכך: כפירוש ט שבפס: פחותים שבעניים להכל דכיק דעני כוה כבתו קלא: כונגא אין לו בושת. פי' אם ביים כוה אם חבירו פטור: כל שישנו כמשפטים. דכא המיקסים מכלל ושפטו: רב יוסף. מאור עינים כוה: ושמכם כמתיו לה עד בלאתם עומדת על פתח

---

שאצט יעדער מענטש בזונדער דעם גרויסן מענטש נאך זיין גרויסקייט. אונ דעם קליינעם מענטש נאך זיין קליינקייט. אונ אזוי זאל מען בצאהלין דאס פארשעמונג. רבי שמעון זאגט אז מען פארשעמט רייכע מענטשין זאל מען זיי שאצין גלייך וויא זיא וואלטין געוועין פרייע מענטשין נאר פאר דוננען אונ ניט פארקויפט אונ גלייך ויא זייא וואלטין אמאהל רייך געוועין. נאר זייא זענען צראם געניטערט פון זייער פאר מעגין. דאס איז אמיטעלע בצאהלונג. ניט רייך אונ ניט ארעם. אונ ארעמע לייט צו מען פאר שעמט זייא וויא זייא וואלטין געוועין גאר דיא ארעמסטע. דארף מען פאר זייער פארשעמונג ווייניג בצאהלין:

**ג תניא.** מיר האבען געלערנט רבי יהודה זאגט אז א בלינדער פאר שעמט א מענטשין. דארף ער ניט בצאהלין. אונ אזוי האט רבי יהודה געזאגט אז אבלינדער איז פטור פון אלע מצות וואס שטייט אין דיא תורה. רב ששת דער זוהן פון רב יהודה האט געזאגט פאר וואס האלט רבי יהודה אז אבלינדער איז פטור פון אלע מצות. ווארום עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא עדות אונ דיא חקים אונ דיא משפטים. דער וואס דארף היטען דיא משפטים דארף ער היטען מצות אונ חוקים אויך. אונ אבלינדער דארף ניט היטען משפטים. דארף ער מצות אונ חוקים אויך ניט היטען. רב יוסף האט געזאגט אמאהל פלעג איך זאגין דער וואס וועט קומען מיר זאגין אז דער דין איז וויא רבי יהודה וואס ער זאגט אז אבלינדער איז פטור פון מצות וועל איך מאכין איום טוב צוא דיא רבנן. ווייל איך בין בליגד אונ בין פטור פון מצות. אונ איך טוה יא מצות. איצט אז איך האב געהערט וואס רבי חנינא האט געזאגט אז דער וואס איז געבאטין צוא מאכן מצות אונ ער טוהט מצות. איז ער גרעסער וויא דער וואס איז ניט געבאטין אויף מצות אונ טוהט מצות. דער וואס וועט קומען מיר זאגין אז דער דין איז ניט וויא רבי יהודה. נאר איך מוז מאכין מצות. וועל איך מאכין איום טוב פאר דיא רבנן. ווארום אז איך בין געבאטין צוא מאכן מצות האב איך פאר מיינע מצות מער שכר:

**ד** מעשה. עס האט געטראפן איינער האט אויף געדעקט דעם קאפ פון אאשה אין גאס. איז דיא אשה געקומען פאר רבי עקיבא צוא אדין תורה: האט רבי עקיבא געהייסין ער זאל איר געבין פאר דיא חרפה פיר הונדערט גילדין. האט דער מענטש געזאגט צוא רבי עקיבא. רבי גיב מיר צייט איך זאל קענען בעקומען דיא פיר הונדערט גילדין איר צוא בצאהלין. האט רבי עקיבא אים אויס געזעצט אצייט ווען ער זאל איר געבין דאס געלט. האט ער געווארט ביז ער האט געזעהן זיא שטייט אין טיר פון הויף. האט ער צו בראכין אקרוג פאר איר אונ אין דעם קרוג

תורה]: וכו לאיסר שמן. שמן קוי לאיסר: לאפ"ס שאינו רשאי. כדמפרש טעמא בגמרא יכן קוצץ בנטיעות אין רשאי דעובר בבל תשחית: חייבין. נטיעה בת בנה שוי כסף כדאמריק בבכורם: לנפשותיכם ואדרוש. מיד עצמכם אדרוש: וכפר

עומדת על פתח חצירה ושיבר את הכד בפניה ובו כאיסר שמן גלתה את ראשה והיתה מטפחת ומנחת ידה על ראשה העמיד עליה עדים ובא לפני ר"ע א"ל לזו אני נותן ד' מאות זוז א"ל לא אמרת כלום החובל בעצמו אע"פ שאינו רשאי פטור אחרים שחבלו בו חייבים והקוצץ נטיעותיו אע"פ שאינו רשאי פטור אחרים חייבים:

(דף נא ע"ב) **ח מאן** תנא דשמעת ליה דאמר אין אדם רשאי לחבל בעצמו אילימא האי תנא הוא דתניא (בראשית ט) ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש ר"א אומר מיד נפשותיכם אדרוש את דמכם ודלמא קטלא שאני אלא האי תנא הוא דתניא מקרעין על המת ולא מדרכי האמורי א"ר אלעזר שמעתי המקרע על המת יותר מדאי לוקה משום בל תשחית וכ"ש גופו ודילמא בגדים שאני דפסידא דלא הדר הוא כי הא דר' יוחנן קרי למאני מכבדותיה ורב חסדא כד הוה מסגי ביני היזמי והיגי מדלי להו למאניה

---

איז גיווען פאר אגראשין בוימאייל. האט זיא אפ גידעקט איר קאפ. אונ זיא האט איין גינעצט דיא האנט אין דיא אייל. אונ האט ארויף גילייגט דיא האנט אויף איר קאפ בשמירען דיא האר מיט דיא אייל אונ ער האט גישטעלט אויף דעם עדות. אז פאר איין גראשין האט זיא אליין אויף גידעקט איר קאפ. אונ ער איז גיקומען פאר רבי עקיבא. אונ ער האט גיזאגט צוא רבי עקיבא. רבי צוא דיא אשה זאל איך געבין פיר הונדערט גילדין. אונ דיא עדות האבין גיזאגט פאר רבי עקיבא אלץ וואס זייא האבין גיזעהן פון דיא אשה. האט רבי עקיבא גיזאגט צוא דעם מענטש. דוא האסט גאר ניט גיזאגט. דיינע רייד איז גאר ניט. אז איינער בייזלט זיך אליין. אפילו ער טאר ניט. פון דעסטוועגין איז ער פטור. וואָרום ווען ער בצאהלין. אבער אז אנדערע בייזלין אים זענען זייא חייב צו בצאהלין. אונ אז איינער האקט אוים זיינע אייגענע בוימער אפילו ער טאר ניט אוים האקין זיינע בוימער. פון דעסטוועגין איז ער פטור. ווארום ווען וועט ער בצאלין. אבער אז אנדערע האקין אוים זיינע בוימער זענען זייא חייב צו בצאהלין. אזוי דיא אשה אויך. זיא אליין מעג זיך פאר שעמען. אבער דוא טאסט איר ניט פאר שעמען:

ח מאן. ווער איז דער תנא וואס ער האט גיזאגט אז א מענטש טאר ניט בייזלין זיך אליין. זאלין מיר זאגין אז דאס איז דער תנא ווארום מיר האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק נאר אייער בלוט צוא אייערע נפשות וועל איך פארשטין. רבי אליעזר זאגט דער פסוק מיינט פון אייערע נפשות וועל איך פארשטין אייער בלוט. אז איר וועט אייך אליין הרגנן. וועל איך שטראפין אייערע נשמות פאר וואס איר האט אייך אליין גיהרגנט. זעהן מיר דאך אז רבי אליעזר האלט א מענטש טאר ניט הרגנן זיך אליין אזוי בייזלין זיך אליין טאר ער אויך ניט. איז דער תנא רבי אליעזר. טאמער האלט רבי אליעזר נאר הרגנן טאר ניט א מענטש זיך אליין. אבער בייזלין זיך אליין מעג ער יא. נאר דאס איז דער תנא. ווארום מיר האבין גילערנט מען מעג רייסין דיא קליידער פאר צער אויף א מת. אונ עס איז ניט אסור ווייל דיא אמוריים טוהען אויך אזוי. רבי אליעזר זאגט איך האב גיהערט אז איינער רייסט פיל קליידער אויף א טויטין קומט אים מלקות. ווייל אין דיא תורה שטייט בל תשחית. דוא זאלסט ניט פאר דארבין. מאדאך קליידער טאר מען ניט פאר דארבין. טאר מען דאך דאס לייב געוויס ניט פאר דארבין. זאגט דיא גמרא טאמער קליידער טאר מען ניט פאר דארבין ווייל דאס איז אשאדין וואס קען ניט צוריק קומען. אז מען צורייסט א קלייד קען זיא ניט צוריק גאנץ ווערין ווי פריער. אבער אז מען בייזלט דאס לייב קען צוריק געזונד ווערין. מיר זעהן רבי יוחנן האט גירופען זיינע קליידער זייא זענען מיין כבוד. אז איך קלייד מיך אן מיט שיינע קליידער האב איך כבוד. אונ רב חסדא אז ער איז גיגאנגען צווישען דערנער האט ער אויף גיהויבען די קליידר.

אונ

למאניה אמר זה מעלה ארוכה וזה אינו מעלה ארוכה אלא האי תנא הוא דתניא (א"ר אלעזר הקפר ברבי מה ת"ל) (במדבר ו) וכפר עליו מאשר חטא על הנפש [וכי באיזה נפש חטא זה אלא שציער עצמו מן היין והלא דברים ק"ו מה זה שלא ציער עצמו אלא מן היין נקרא חוטא המצער עצמו מכל דבר עאכ"ו] :

ו אמר רב דיקלא דטעין קבא אסור למקציה מיתיבי כמה יהא בזית ולא יקצצנו רובע שאני זיתים דחשיבי א"ר חנינא לא שכיב שיבחא ברי אלא דקץ תאנתא בלא זימניה אמר רבינא אם היה מעולה בדמים מותר תניא נמי הכי (דברים כ) רק עץ אשר תדע זה אילן מאכל כי לא עץ מאכל הוא זה אילן סרק וכי מאחר שסופו לרבות כל דבר מה ת"ל כי לא עץ מאכל הוא להקדים סרק למאכל (דף נג) יכול אפי' מעולה בדמים תלמוד לומר רק . שמואל אייתי ליה אריסיה תמרי אכיל

עליו : כמיר כתיב : על הנפש . משמע שחטא בנפש אדם : מכל דבר . המס ף עלמו בתעניות : רובע . הקב : ואם היה מעולה בדמים . דמיו יקרים לבנין יותר משבח פירותיו : רק עץ אשר תדע . קרא יתירא הוא דה"ל למיכתב רק אשר לא הוא מאכל : זה עץ מאכל . וה"ק רק עץ אשר תדע אם חיקך יודע קרוב למאור אלא הוא קחנו ואפילו של מאכל : יכול אפילו מעולה בדמים . לקוצה יותר מפירות יכה כרק קודם לו : ת"ל רק . מיעוט

---

און ער האָט געזאָגט אַז איך וועל צוא רייסען דאָס רייב . וועט זיא צוריק געזונד ווערין . און אַז איך וועל צוא רייסען דיא קליידער וועלין זייא ניט צוריק גאַנץ ווערין . נאָר דאָס איז דער תנא . וואָרום מיר האָבען געלערנט רבי אלעזר הקפר ברבי האָט געזאָגט עס שטייט אין פסוק דער נזיר זאָל אויף זיך מכפר זיין ווייל ער האָט געזינדיגט אויף אַנפש . אויף וועלכין נפש האָט ער געזינדיגט . נאָר ער האָט געזינדיגט אויף זיך אַליין . וואָס ער האָט זיך מצער געוועזן און האָט ניט געטרונקען קיין וויין . איז דאָך אַקל וחומר . מאַדאָך דער נזיר וואָס ער האָט זיך ניט מער מצער געוועזן נאָר פון וויין . ווערט ער גירופען אַזינדיגער . דער וואָס איז זיך מצער פון אַלע זאַכען ער פאַסט און עסט גאָר ניט . הייסט ער געוויס אַזינדיגער . און דער וואָס רייסט זיין רייב און מאַכט זיך ביילין הייסט ער אויך געוויס אַזינדיגער :

ו אָמר . רב זאָגט אַבוים וואָס אויף אים וואַקסט אַקב טייטלען . טאָר מען אים ניט אָפּ האַקין . פרעגט דיא גמרא מיר האָבען געלערנט וויא פיל איילבירטען זאָל וואַקסען אויף אַאיילבירט בוים מען זאָל אים ניט טארין אָפּ האַקין . אַפערטיל קב . זעהן מיר דאָך אַז עס וואַקסט נאָר אַפערטיל קב טאָר מען שוין ניט אָפּ האַקין . ענטפערט דיא גמרא איילבירטען זענין טייער . דריבער אַז עס וואַקסט נאָר אַפערטיל קב איילבירטען טאָר מען אויך ניט אָפּ האַקין דעם בוים . אָבער טייטלען זענען וועלוועלער . אויב עס וואַקסט אויף דעם בוים אַגאַנצער קב טייטלען טאָר מען אים ניט אָפּ האַקין . אָבער אַז עס וואַקסט ווייניגער וויא אַקב מעג מען אים אָפּ האַקין . רבי חנינא האָט געזאָגט מיין זוהן שיבחא איז געשטאָרבין ווייל ער האָט אָפּ געהאַקט אַפייגין בוים פאַר דער צייט . ווען עס האָט נאָך אויף אים געוואַקסין פייגין : רבינא זאָגט אַז איינער האָט אַבוים וואָס אויף אים וואַקסט פירות . און דיא האָלץ פון בוים איז מער ווערט וויא דיא פירות . מעג מען אים אָפּ האַקין . זאָגט דיא גמרא מיר האָבען אויך אַזוי געלערנט . עס שטייט אין פסוק נאָר אַבוים וואָס דוא ווייסט (אַז ער טויג דיך ניט צו קומען צום פעסטונג) אַפילו אויף אים וואַקסט פירות מעגסטו אים אָפּ האַקין . און אויב אויף דעם בוים וואַקסט ניט קיין עסינוואַרג ער איז אַליידיגער בוים מעגסטו אים אויך אָפּ האַקין . איז דאָך אַקשיא אַז מען מעג אַלע ביימער אָפּ האַקין . צוא וואָס שטייט אין דיא תורה מען מעג אים אָפּ האַקין ווייל אויף אים וואַקסט ניט קיין עסינוואַרג . אַפילו עס וואָלט אויף אים וואַקסין עסינוואַרג וואָלט מען אים אויך מעגין אָפּ האַקין . נאָר פריער זאָל מען אָפּ האַקין דיא ליידיגע ביימער . טאָמער וועט גענוג זיין . אַז מען זעהט מען מוז דיא ביימער מיט פירות אויך אָפּ האַקין . מעג מען זייא אויך אָפּ האַקין . איך וואָלט מיינען אַפילו דיא האָלץ פון דעם ליידיגען בוים איז מער ווערט פון דעם בוים מיט דיא פירות . זאָל מען אויך פריער אָפּ האַקין דעם ליידיגען בוים . שטייט אין פסוק רק . מיינינגער

בקדמה: מקורייהו. מיני שלכן ועיקרן ל"ל הכא לי קור שהוא רך לאכול וגדל בכיב שדיו כלומר כלה מיקרס מפני במפסיד ונאכל את הקור: גופני קני דקלי. מדמי סין יכולין אלו לקנות קרקפות ואילו דקלי לא הי נותני אין שבתן עולה אלא לדבר מיעוט. כל אלו שאמרו. כלע מנה ומאתים וה' מאות דמי בושת הם: אבל צער. שדואג על בושתו אינו

אבל טעים בהו טעמא דחמרא א"ל מאי האי א"ל ביני גופני קיימי אמר מבחשי בחמרא כולי האי למחר אייתי לי מקורייהו רב חסדא חזא תאלי בי גופני א"ל לאריסיה עקרינהו גופני קני דיקלי דיקלי לא קני גופני:

ז **מתני'** אע"פ שהוא נותן לו אין נמחל לו עד שיבקש ממנו שנאמר (בראשית כ) ועתה השב אשת האיש וגו' ומנין שאם לא מחל לו שהוא אכזרי שנאמר (שם) ויתפלל אברהם אל האלהים: **גמ'** ת"ר כל אלו שאמרו דמי בושתו אבל צערו אפילו הביא כל אילי נביות שבעולם אין נמחל לו עד שיבקש ממנו שנא' (שם) השב אשת האיש כי נביא הוא ויתפלל בעדך. אשת נביא בעי אהדורי אשת אחר לא בעי אהדורי א"ר שמואל בר נחמני אמר ר' יונתן השב אשת האיש מכל מקום ודקא אמרת (שם) הגוי גם

---

צוא מאכען. נאר אז דער לידיגער בוים איז ווייניגער ווערט וויא דער בוים מיט פירות. זאל מען אפ האקען דעם לידיגען בוים פריער. אבער אז דער לידיגער בוים איז טייער ווערט וויא דער בוים מיט פירות. זאל מען דעם בוים מיט פירות פריער אפ האקען. דער ארים (דער פעלד ארבעטער) פון שמואל האט אמאהל געבראכט צו שמואל טייטלען. וויא שמואל האט געגעסין דיא טייטלען האט ער פאר זוכט אטעם פון וויין אין דיא טייטלען. האט שמואל געזאגט צום ארים פאר וואס האבען דיא טייטלען אטעם פון וויין. האט דער ארים געזאגט וייל דיא טייטל בוימער שטייען צווישען ווין שטאקין. האט שמואל געזאגט אז דיא טייטלען ציהען אטעם פון דיא ויינשטאקין מאכען זייא דאך מאגער דיא ויינשטאקין: מארגין זאלסטו אויס רייסען דיא טייטל בוימער וואס צוו שטען דיא ווין שטאקין אונ דוא זאלסט מיר ברייגגען פאר אסימן זייערע ווארצלען. רב חסדא האט גיזעהן טייטעל בוימער שטייען צווישען דיא ויינשטאקין. האט ער געזאגט צו זיין ארים רייס אויס דיא טייטל בוימער. פון וויין שטאקין קען מען פאר דינען צוא קויפען טייטל בוימער. אבער פון טייטל בוימער קען מען ניט פאר דינען צו קויפען וויין שטאקין:

ז משנה. אף על פי. אפילו ער בצאהלט אים פאר אלע שאדינס וואס ער הט אים גיטאהן. פון דעסטוועגין ווערט אים ניט גישיינקט פון הימעל ביז ער זאל בעטין בייא אים ער זאל אים מוחל זיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו אבימלך גיב צוריק די וייב צו דעם מאן. אונ בעט אים ער זאל מתפלל זיין פאר דיר. זעהן מיר אפילו אבימלך האט גיגעבין צוא אברהם טויזנט טאלער אונ שעפסין אונ רינדער קנעכט אונ דינסטין. פון דעסטוועגין האט ער אים גמוזט איבער בעטין ער זאל אים מוחל זיין. אונ פון וואנען ווייסין מיר אויב ער איז אים ניט מוחל. איז ער אשלעכטער מענטש. וואדום עס שטייט אין פסוק אברהם האט מתפלל גיוועז צוא גאט אונ גאט האט אויס גיהיילט צוא אבימלך. אבער אז אברהם וואלט ניט מתפלל גיוועז וואלט אבימלך ניט גיהיילט גיווארין. וואלט דאך דאס גיוועז אשלעכטיגקייט פון אברהם. זאגט דיא גמרא דיא רבנן האבען גילערנט דאס אלץ וואס מען האט געזאגט ער דארף בצאהלין. דאס איז נאר פאר דעם פאר שעמען. אבער דעם צער וואס ער האט פון דעם וואס ער שעמט זיך. אפילו ער וועט ברייגגען אלע שעפסין פון נביות אונ וועט זייא מקריב זיין פאר קרבנות הערט מען אים ניט מוחל זיין ביז ער זאל בעטין ביי דעם מענטש אליין ער זאל אים מוחל זיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו אבימלך גיב צוריק דיא וייב צוא דעם מאן ווארום ער איז אנביא וועט ער בעטין פון דיינעט וועגין. פרעגט דיא גמרא וייל זיא איז אוייב פון אנביא דריבער דארף ער זיא צוריק געבין. אבער אוייב פון איין אנדערין ניט פון אנביא וואלט מען ניט דארפין צוריק געבין. האט רבי שמואל בר נחמני געזאגט פון רבי יונתן וועגין אזוי האט גאט געזאגט

גם צדיק תהרג הלוא הוא אמר לי אחותי היא והיא גם היא אמרה אחי הוא נביא הוא וכבר למד אכסנאי שבא לעיר על עסקי אכילה ושתיה שואלין אותו או על עסקי אשתו שואלין אותו אשתך היא אחותך היא מכאן לבן נח שנהרג שהיה לו ללמוד ולא למד . (שם) כי עצור עצר ה' א"ר אליעזר שתי עצירות הללו למה אחת באיש שכבת זרע שתים באשה שכבת זרע ולידה במתניתא תנא שתים באיש שכבת זרע וקטנים שלשה באשה שכבת זרע וקטנים ולידה רבינא אמר שלשה באיש שכבת זרע וקטנים ופי הטבעת ארבעה באשה שכבת זרע ולידה וקטנים ופי הטבעת . (שם) בעד כל רחם אמרי דבי ר' ינאי אפילו תרנגולת של בית אבימלך לא הטילה ביצתה . אמר ליה רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמור רבנן כל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחלה אמר ליה דכתיב (איוב מב) וה' שב את שבות איוב בהתפללו בעד רעהו א"ל את אמרת מהתם ואנא אמינא מהכא (בראשית כ) ויתפלל אברהם אל האלהים וירפא

כמאל לו : שהיה לו ללמוד ולא למד . דרך ארץ מדקאמר ליה דהמגא נביא הוא דמשמע אין ממש כדבריך ירלוי אתה ליהרג : שכבת זרע . בנקבי אשה לא יכולה לפלוט : פי טבעת . נקב הגדולים

---

גיב צוריק דיא ווייב צו דעם מאן . ווען דער מאן איז דארף מען אים אלץ צוריק געבין זיין ווייב . נאר וואס דו זאגסט צוא מיר אפאלק וואס איז גירעכט ווילסטו הרגנן . ער אליין האט דאך מיר גיזאגט אויף שרה זיא איז מיינע אשוועסטער . אונ זיא האט מיר גיזאגט אויף אברהם ער איז מיינער אברודער . האט גאט גיזאגט אברהם איז אנביא . אונ ער האט גיוואסט אז ער וועט ניט אזוי זאגין וועט מען אים הרגנן . אונ וואס דוא זאגסט דו ביסט גירעכט דוא האסט ניט גיוואסט אז זיא איז אווייב . אברהם האט אייך גילערונט אז אפרעמדער מענטש קומט אין אשטאט זאל מען אים נאר פרעגין אויב ער וויל עסין אדער טרינקען . אבער נישט מען זאל אים פרעגין אויף זיין ווייב . אויב זיא איז אווייב אדער אשוועסטער . האט איר בעדארפט טאהן וויא אברהם האט אייך גילערונט . אונ אז איר האט ניט אזוי גיטאהן קומט אייך צו הרגנן . פון דאנען ווייסין מיר אז אבן נח ווערט גיהרגת ווייל ער האט גידארפט לערנען אונ ער האט ניט גילערונט : אין פסוק שטייט כי עצור עצר ה . גאט האט אויף גיהאלטין . רבי אליעזר האט גיזאגט צו וואס שטייט צווייא מאהל דער ווארט אויף האלטין . בייא זכרים איז אויפגיהאלטין גיווארין איין זאך די שכבת זרע . אונ בייא נקבות איז אויפגיהאלטין גיווארין צווייא זאכין דיא וואס זענען גיווען מעוברת האבען ניט גיקענט גיבארין דאס קינד . אונ דיא וואס זענען ניט גיווען מעוברת האט פון זייא ניט גיקענט ארויס גיין זייערע שכבת זרע . אין אברייתא האבען מיר גילערנט צווייא זאכין זענען אויף גיהאלטין גיווארין בייא זכרים . שכבת זרע אונ השתנה . אונ דרייא זאכין איז אויף גיהאלטין גיווארין בייא נקבות . שכבת זרע . אונ השתנה . אונ זייא האבען ניט גיקענט גיבארין קינדער . רבינא זאגט דרייא זאכין איז אויף גיהאלטין גיווארין בייא זכרים . שכבת זרע אונ השתנה אונ צואה . אונ פיר זאכין איז אויף גיהאלטין גיווארין בייא נקבות . שכבת זרע אונ קינדער האבען אונ השתנה אונ צואה . עס שטייט אין פסוק נאך האט גאט אויף גיהאלטין אלע מוטער לייבער . דבי רבי ינאי זאגין אפילו אהון וואס איז גיווען בייא אבימלך אין שטוב האט נישט גילייגט איר איי וואס זיא האט גיהאט אין בויך . רבא האט גיזאגט צו רבה בר מרי פון וואנען ווייסין מיר דיא זאך וואס דיא רבנן האבען גיזאגט דער וואס בעט בייא גאט ער זאל רחמנות האבען אויף זיין חבר אונ זאל אים געבין דיא זאך . אונ ער אליין דארף אויך דיא זאך . ווערט ער פריער גיענפערט . פריער גיט גאט אים דיא זאך . דער נאך גיט ער צו זיין חבר . זאגט רבה גיזאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט צוריק גיקערט צו איוב ווייל ער האט גיבעטין פאר זיין חבר . האט מען פריער גיענפערט צו איוב דער נאך צו זיין חבר . האט רבא גיזאגט צוא רבה דו זאגסט פון יענעם פסוק . אונ איך זאג פון דעם פסוק אברהם האט גיבעטין צו גאט פאר אבימלך

וירפא אלהים את אבימלך ואת אשתו ואמהותיו וגו' וכתיב (בראשית כא) וה' פקד את שרה כאשר אמר וגו' כאשר אמר אברהם על אבימלך:

ח א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי בהדי הוצא לקי כרבא א"ל דכתיב (ירמיה ב) למה תריבו אלי כלכם פשעתם בי נאם ה' א"ל את אמרת מהתם ואנא אמינא מהכא (שמות טז) עד אנה מאנתם לשמור מצותי ותורותי א"ל רבא לרבה בר מרי כתיב (בראשית מז) ומקצה אחיו לקח חמשה אנשים מאן נינהו חמשה אמר ליה הכי אמר ר' יוחנן אותם שהוכפלו בשמות. יהודה נמי אכפולי מכפל א"ל למלתיה הוא דאכפל דא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מ"ד (דברים לג) יחי ראובן ואל ימות וגו' וכו':

ט א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי בתר עניא אזלא עניותא א"ל דתנן עשירים מביאים בכורים בקלתות של זהב ושל כסף עניים בסלי נצרים של

**פירוש**

לפנות: פקד. מדלא כתיב ויפקוד את שרה וכתיב פקד משמע פקד כבר מתחלה לאבימלך: בהדי הוצא לקי כרבא. קוץ הגדל אצל הכרוב כשבא לעוקרו פעמים שנעקר הכרוב עמו ונמצא לוקה בשבילו כלומר שכני רשע לוקין עמו: כלכם פשעתם. אף הנביא במשמע: עד אנה מאנתם. ומשה ואהרן בכלל: אותן שהוכפלו שמותם. בברכת משה דן גד זבולן נפתלי ואשר והודיעך הכתוב שחלשים שבכולם היו וצריכין חזוק לפיכך כפל את שמם להחזיקם (שלא ישלוט בהם עין הרע) ואותם הביא יוסף לפני פרעה כדי שלא יבחור אותם להיות ראשי גייסות ולהטריחן: בסלים והכלכלות ניתנין לכהן: והעשירים לא היו מתנין (סליהם) [קלתותיהם] לכהן: נצרים.

---

אבימלך. האָט גאָט געהיילט אבימלך און זיין ווייב און זיינע דינסטען. און עס שטייט דער נאָך גאָט האָט דער מאָנט שׂרה אַזוי וויא ער האָט געזאָגט. אַזוי וויא אַבְרָהָם האָט געזאָגט און געבעטין אויף אבימלך זיין ווייב זאָל האָבען קינדער. אַזוי פריער איידער מען האָט געענפערט צו אבימלך האָט מען שוין געענפערט צו אַבְרָהָם אַז שׂרה זאָל האָבען אַקינד:

ח אמר. רָבָא האָט געזאָגט צו רַבָּה בַּר מָרִי פון וואַנען ווייסין מיר דיא זאַך וואָס מענטשין זאָגין מיט דעם דאָרין ווערט געשלאָגין דער קרויט. דער קרויט וואָס וואַקסט נעבין דאָרין. אַז מען רייסט אוים דעם דאָרין. ווערט דער קרויט אויך אויסגעריסען. דאָס מיינט מען דיא צַדִיקִים וואָס זענען צוא זאַמען מיט דיא רְשָׁעִים. אַז דיא רְשָׁעִים ווערין געשלאָגין. ווערין דיא צַדִיקִים אויך געשלאָגין. האָט רַבָּה געזאָגט וואָרום עס שטייט אין פסוק גאָט האָט געזאָגט וואָס קריגט איר צו מיר אַלֶע האָט איר געזינדיגט צו מיר. האָט מען דעם נָבִיא אויך גערעכענט צווישען דיא זינדיגער. האָט רָבָא געזאָגט צו רַבָּה דו זאָגסט פון יענעם פסוק. איך וועל דיר זאָגין פון דעם פסוק גאָט האָט געזאָגט ביז וויא לאַנג וועט איר נישט וועלין היטען מיינע געבאָט און מיינע לערנונג. דאָס האָט גאָט געזאָגט צו דיא יודין און צוא משה מיט אַהֲרן אויך. האָט מען משה מיט אַהֲרן גערעכענט צו זאַמען מיט אַלע יודין וואָס היטען נִיט דיא געבאָט פון גאָט. רָבָא האָט געזאָגט צו רַבָּה בַּר מָרִי עס שטייט אין פסוק בייא יוֹסֵף און פון זיינע ברידער האָט ער גענומען פינף מענטשין (דיא וואָס ווערין גערופין קְצֵה. דיא ערגסטע. דאָס מיינט מען דיא שוואַכסטע) און האָט זייא געשטעלט פאר פַּרְעֹה. וועלכע פינף ברידער זענען דאָס געווען. האָט רַבָּה געזאָגט אַזוי האָט געזאָגט רַבִּי יוֹחָנָן דיא פינף וואָס זייערע נעמען שטייט טאָפּיל. דאָס איז דָן גָד זְבוּלֻן נַפְתָּלִי אָשֵׁר. (אין דיא סדרה וזאת הברכה ווען משה האָט זייא געבענשט. האָט ער געזאָגט דיא פינף נעמען צווייא מאָהל. ווייל זייא זענען געווען שוואַכע. דריבער האָט ער זייערע נעמען צווייא מאָהל דער מאָנט אין דיא בְּרָכָה זייא זאָלין געשטאַרקט ווערין). פרעגט דיא גְמָרָא דער נאָמען פון יְהוּדָה שטייט דאָך אויך צווייא מאָהל. און יְהוּדָה איז דאָך געווען אַשטאַרקער. ענטפערט דיא גְמָרָא יְהוּדָה'ס נאָמען איז געטאָפּעלט געוואָרין צוא איין אַנדער זאַך. אַזוי וויא רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי האָט געזאָגט פון רַבִּי יוֹנָתָן וועגין (אַזוי וויא עס שטייט אין דיא גְמָרָא):

ט אמר: רָבָא האָט געזאָגט צו רַבָּה בַּר מָרִי פון וואַנען ווייסין מיר דיא זאַך וואָס מענטשין זאָגין. נאָך אַאָרעם מאַן גייט דיא אָרעמקייט. האָט רַבָּה געזאָגט מיר האָבין געלערנט דיא רייכע

מענטשין

של ערבה קלופה הסלים והבכורים ניתנים לכהנים א"ל את אמרת מדתם ואנא אמינא מהכא (פ"ג) (ויקרא יג) וטמא טמא יקרא:

י א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי רבנן השכם ואכול בקיץ מפני החמה ובחורף מפני הצנה ואמרי אינשי שיתין רהיטי רהוט ולא מטו לגברא דמצפרא כריך דכתיב (ישעיה מט) לא ירעבו ולא יצמאו ולא יכם שרב ושמש א"ל את אמרת מהתם ואנא אמינא מהכא (שמות יג) ועבדתם את ה' אלהיכם זו ק"ש ותפלה וברך את לחמך ואת מימיך זו פת במלח וקיתון של מים מכאן ואילך והסירותי מחלה מקרבך ותניא מחלה זו מרה ולמה נקרא שמה מחלה שפ"ג חלאים יש בה מחל"ה בגימטריא הכי הוי וכולן פת במלח שחרית וקיתון של מים מבטלם:

יא א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי חבריך קרייך חמרא אוכפא לגביך מוש א"ל דכתיב (בראשית טז) ויאמר הגר שפחת שרי וגו' ותאמר מפני שרי

סבטים: וטמא טמא. לא די לו נגעו אלא שמכי את עצמו על כרחו הטיל עליו הכתוב מוכה: שיתין רהיטי. ס' איש רצו ולא הגיעוהו לאוכל שחרית:
אוכפא וכו'. כלומר סול אוכף על חמור וכבירתו אליך ושים אותו על גבך כלומר הודה לדבריו ואל תענהו: מוש. לשון לא ימיש כלומר הסירהו אליך כמו כורו לא: שפחת שרי. אמר לה כמלאך וכיא ענתה שרי גברתי:

מענטשין ברייננען בכורים אין גאלדענע זילבערנע כלים. אדער אין זילבערנע כלים: אונ דיא אָרעמע לייט ברייננען בכורים אין קערב פון ריטער גיפלאכטין. דיא ריטער זענען גיוועזען ווייס אפ געשיילט דיא קארע. ביי דיא רייכע האט מען צוא גינומען דיא בכורים: אונ דיא כלים האט מען זייא צוריק גיגעבין. אונ ביי דיא ארעמע האט מען צו גינומען דיא קערב מיט דיא בכורים אונ מען האט גיגעבין דיא כהנים. האט דער ארעם מאן דיא קארב אויך פארלארין. האט רבא גזאגט צוא רבה דו זאגסט פון בכורים. אונ איך זאג פון דעם פסוק וטמא טמא יקרא. דער טמא דארף אוים שרייען פאר אלע מענטשין אז ער איז טמא. ניט גענוג וואס ער איז קרעציג. דארף ער נאך זיך אליין פארשעמען:

י אמר: רבא האט גיזאגט צו רבה בר מרי פון וואנען ווייסין מיר דיא זאך וואס דיא רבנן האבען גזאגט: זאלסט אויף שטיין גאנץ פריא עסין. זומער זאלסטו עסין פריא איידער דיא היץ קומט. ווארום אין היץ קען מען ניט עסין. אונ אז ער וועט ניט עסין וועט ער ניט האבען כח אוים צו האלטין דיא היץ. אונ ווינטער זאלסטו עסין פריא ווייל עס איז קאלט. אונ אז א מענטש איז זאט איז אים ניט אזוי קאלט: אונ מענטשין זאגין זעכציג לויפערס וועלין לויפין אונ וועלין ניט קענען חאפין דעם מענטשין וואס עסט אין דער פריא. האט רבה גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק אז זייא וועלין ניט זיין הונגעריג זיין אונ וועלין ניט דארשטיג זיין. וועט זייא ניט שלאגין דיא היץ זומער. אונ דיא זוהן וועט זייא ניט שלאגין ווינטער. ווארום ווינטער ווען דיא זוהן איז. איז אגרויסער פראסט. האט רבא גזאגט צו רבה דו זאגסט פון יענעם פסוק. אונ איך זאג פון דעם פסוק: איר זאלט דינען אייער גאט. דאס מיינט מען איר זאלט זאגין קריאת שמע אונ איר זאלט דאווענען. וועט גאט בענטשין דיין ברויט אונ דיין וואסער. דאס מיינט מען דיא ברויט מיט זאלץ אונ דעם קריגול וואסער וואס דו וועסט עסין אין דער פריא באלד נאך דעם דאווענען. פון נאך דעם עסין אונ ווייטער והסרותי מחלה מקרבך. וועל איך אפ טאהן קראנקייט פון דיר. אונ מיר האבען גילערנט וועלכע קראנקייט וועט גאט אפ טאהן. גאל קראנקייט. פאר וואס רופט מען דיא גאל קראנקייט מחלה. ווארום דרייא אונ אכציג קראנקייט איז דא אין דיא גאל. אונ דער ווארט מחלה בטרעפט דרייא אונ אכציג. אונ אז מען עסט אשטיקול ברויט מיט זאלץ אין דער פריא אונ מען טרינקט אקריגול וואסער. דאס טרייבט אוועק דיא אלע קראנקייט:

יא אמר. רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסין מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין אז דיין חבר האט דיך גירופען אייזיל. זאלסטו נעמען אזאטיל פון אאייזיל

לידי גברתי וגו' :

**יב א"ל** רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי מלתא דמיגניא דאית בך קדים אמרה א"ל דכתיב (בראשית כד) ויאמר עבד אברהם אנכי. א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי שפיל ואזיל בר אווזא ועינוהי מטייפין אמר ליה דכתיב (ש"א כה) והטיב ה' לאדוני וזכרת את אמתך וגו' :

**יג א"ל** רבא לרבה בר מרי מנא הא מלהא דאמרי אינשי שיתין הכלי כשיוה' לכבא דקל הבריה שמע ולא אכל א"ל דכתיב (מ"א א) ולי אני עבדך ולצדוק הכהן ולבניהו בן יהוידע ולשלמה עבדך לא קרא. א"ל את אמרת מהתם ואנא אמינא מהכא (בראשית כד) ויביאה יצחק האהלה שרה אמו ויקח את רבקה ותהי לו לאשה ויאהבה וינחם יצחק אחרי אמו וכתיב בתריה (שם כה) ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה :

א"ר

**שפיל ואזיל.** כלו' מהמת עגותנותו בל אדם לא יהא כוס מלסתול דבר כלריך לו כין להורם גין לפרנסתו להבוע הוכו : ועינוהי מטייפין. עיניו מלסות למעלה לירהוק למזונותיו והכרו בכתובות סוף עינך : כאשר ייטב. באביגיל כתיב שהיתה מתנבאה בימות נבל בעלה ובתוך דברים מרמזת לדוד שיזכור את יופיה :

**סבלין.** אכילות ומכאובות : ולי אני עבדך. אלמא קובל היה עליו שלא זימנו לסעודה : שיתין. לאו פקרא נפקא אלא מלתא בעלמא הוא דקאמרי אינשי ולאו דוקא הוא : ויוסף אברהם. נתקנא בינהן ·

אונ זאלסט ליגן נעבן דיר : דאס מיינט מען דוא זאלסט מודה זיין אז עס איז אמת וויא עד זאגט . ווארום אז דיך וועט פאר דריסען וועט איר אייך קריגען . האט רבה גזאגט צוא רבא עס שטייט אין פסוק דער מלאך האט גזאגט צו הגר . הגר דיא דינסט פון שרה . האט הגר גזאגט איך בין טאקי אדינסט אונ איך אנטלויף פאר מיין בעל הביתטע שרה :

**יב** אמר . רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסין מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין . אויב אין דיר איז דא אמיאוסה זאך . זאלסטו נים ווארטין ביז מען וועט דיך פאר שעמען מיט דיא זאך . נאר זאלסט אליין פריער זאגין דיא מיאוסה זאך האב איך גיטאהן . אדער אזוי אמענטש בין איך . האט רבה גזאגט צוא רבא עס שטייט אין פסוק אליעזר האט גזאגט איך בין דער קנעכט פון אברהם . רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסין מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין דיא קאטשקע גייט גאנץ נידעריג אונ דיא אויגין אירע קוקען וייט . אפילו דער מענטש וואס איז בייא זיך גאנץ נידעריג פון דעסטוועגין דארף ער זיך נים שעמען צוא טאהן וואס ער דארף . צוא פרעגין אדין אין דער תורה . אונ צו האנדלען . אונ אויף צוא מאנען זיינע חובות . האט רבה גזאגט עס שטייט אין פסוק אביגיל הט גזאגט צוא דוד ווען גאט וועט טאהן גוטס צוא מיין האר זאלסטו גידיינקען דיין דינסט . זיא האט גיוואוסט דורך נביאות אז איר מאן נבל וועט שטארבין . הט זיא גזאגט צוא דוד ער זאל גידיינקען איר שיינקייט אונ זאל איר נעמען פר אוייב :

**יג** אמר . רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין זעכציג קראנקייטין קומט צוא דיא ציין פון דעם מענטשין וואס ער הט גיהערט זיין חבר עסט אונ ער האט נישט גיגעסין . האט רבה גזאגט צוא רבא ווארום עס שטייט אין פסוק נתן הנביא האט גזאגט אונ צו מיר דיין קנעכט אונ צוא צדוק הכהן אונ צוא בניהו בן יהוידע אונ צוא דיין קנעכט שלמה האט אדוניהו נים גערופין צוא דער סעודה וואס ער האט גימאכט . האט רבא גזאגט צוא רבה דוא זאגסט פון יענעם פסוק . אונ איך זאג פון דעם פסוק : יצחק האט גיבריינגט זיין וייב רבקה אין דער שטוב פון זיין מוטער שרה . אונ ער הט גינומען רבקה אונ זיא איז גיווארין זיין וייב . אונ ער האט איר ליב גיהאט . אונ יצחק הט זיך גיטרייסט מיט רבקה נאך זיין מוטער . באלד דער נאך שטייט אברהם האט גימערט צוא נעמען אוייב איר נאמען איז גיוועזן קטורה . וייל אברהם האט מקנא גיוועזן זיין זוהן יצחק וואס ער האט אוייב . האט ער אויך גינומען אוייב :

אמר

**יד** א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי חמרא למריה וטיבותא לשקייה א"ל דכתיב (במדבר כ) וסמכת את ידך עליו וגו' למען ישמעו כל עדת בני ישראל וכתיב (דברים לד) ויהושע בן נון מלא רוח חכמה כי סמך משה את ידיו עליו וישמעו אליו בני ישראל וגו':

**טו** א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי כטייל ואזיל דקלא בישא גבי קינא דשרכי א"ל דבר זה כתוב בתורה ושנוי בנביאים

חמרא וכו'. היין של מלך הוא והשותין אותו מחזיקין טובה לשר המשקה ולא למלך: ויסמוך את ידיו. הלא החכמה והגדולה במשה כאילו הוא נותנם ליהושע והיא אינה אלא מפי הקב"ה: קינא דשרכי. אילנות בטלים ואין עושין פרי כמו גברא סרכא בטלן כלומר דרך דקל רע ליגדל בלא היין סרק: המחובר לטמא טמא. במסכת כלים [הוא] בפ"ק טבעת וכו': לא להנם הלך זרזיר. ר"א סבר זרזיר עוף טמא הוא ורבק פליגי עליה באלו טרפות: זרזיר. איבקורניי"ל: אי דלית. אם הדלה והגביה המשוי עמי דלינא: דולא. משוי משל הוא שאין אדם רוצה ליכנ

ומשולש בכתובים ותנן במתניתין ותנינא בברייתא כתוב בתורה דכתיב (בראשית כח) וילך עשו אל ישמעאל. שנוי בנביאים דכתיב (שופטים יא) ויתלקטו אל יפתח אנשים ריקים ויצאו עמו. משולש בכתובים דכתיב (בן סירא יג) כל עוף למינו ישכון ובן אדם לדומה לו. תנן במתניתין כל המחובר לטמא טמא כל המחובר לטהור טהור. ותנינא בברייתא ר"א אומר לא להנם הלך זרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא מינו:

**טז** א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי אי דלית דורא דלינא ואי לא לא דלינא

---

**יד** אמר. רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין דיא וויין גיהער צום בעל הבית. אונ אדאנק גיט מען צוא דעם בעדינער וואס דער לאנגיט דיא וויין. האט רבה גזאגט אזוי שטייט אין פסוק. גאט האט גזאגט צו משה דוא זאלסט אנלעגען ארויף לייגין דיין האנט אויף יהושע. אלע יודין זאלין הערין אז דיין חכמה האט יהושע. אונ עס שטייט אין פסוק יהושע בן נון איז פול גיווארין מיט חכמה וויל משה האט ארויף גילייגט זיין האנט אויף אים: והאבען דאך אלע יודין גיוואוסט אז די חכמה האט יהושע גנומען בייא משה. האבען זייא דאך גידארפט געבין כבוד צוא משה. אונ עס שטייט אין פסוק אלע יודין האבען גיהערט צו יהושע וואס ער וועט זיי געביטען:

**טו** אמר. רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי. פון וואנען ווייסין מיר די זאך וואס מענטשין זאגין. דער שלעכטער בוים גייט צו דיא לידיגע בוימער וואס אויף זייא וואקסט ניט קיין פירות. ודיא שלעכטע בוימער וואקסין נעבין דיא לידיגע בוימער וואס אויף זייא וואקסט ניט קיין פירות. האט רבה גזאגט דיא זאך שטייט איין מאהל אין דיא תורה. דאס אנדערע מאהל שטייט אין נביאים. דאס דריטע מאהל שטייט אין כתובים. אונ מיר האבען דאס גילערונט אין אמשנה. אונ אין אברייתא. אין דיא תורה שטייט עשו איז גיגאנגען צוא ישמעאל. צווייא גלייכע מענטשין: אין נביאים שטייט עס האבען זיך צוא זאמען געקליבען צוא יפתח לידיגע מענטשין אונ זענען ארוים גיגאנגען מיט אים. אזוי וויא יפתח איז גיוועזן. אזעלכע מענטשין זענין גיקומען צו אים. אונ אין כתובים שטייט בן סירא האט גזאגט יעדער פויגיל רוהט נעבין זיין גלייכין (נעבין אזוי אפויגיל וויא ער איז). אונ דער מענטש גייט אויך צוא זיין גלייכין. צוא אזוי אמענטש וויא ער איז. אצדיק גייט צוא אצדיק. ארשע גייט צוא ארשע: אין אמשנה האבען מיר גילערונט וואס עס איז בהעפט צוא טומאה איז טמא. אונ וואס עס איז בהעפט צוא טהור איז טהור. אין אברייתא האבען מיר גילערונט רבי אליעזר זאגט ניט אומזיסט איז גיגאנגען דער זרזיר צום עורב. נאר וויל זייא זענען ביידע איין מין:

**טז** אמר. רבא האט גזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין אויב דוא וועסט אויף הייבין דיא משא וועל איך אויך אויף הייבען. אונ אז דוא וועסט ניט אויף הייבען. וויל איך אויך ניט אויף הייבען. למשל איינער זאגט צום אנדערין וועסטו זיין אשותף מיט מיר אין דעם גישעפט. וועל איך מאכען דאס גישעפט. אונ אז דוא וועסט ניט

דלינא א"ל דכתיב (שופטים ד) ויאמר אליה ברק אם תלכי עמי והלכתי ואם לא תלכי עמי לא אלך א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מילתא דאמרי אינשי כלבא בכפניה גללי מבלע דכתיב (משלי כז) נפש שבעה תבוס נופת ונפש רעבה כל מר מתוק. א"ל רבא לרבה ב"מ מנא הא מלתא דאמרי אינשי קרית לחברך ולא ענך רמי גודא רבה שדי ביה א"ל דכתיב (יחזקאל כד) יען טהרתיך ולא טהרת מטמאתך לא תטהרי עוד. א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי בירא דשתית מיניה לא תשדי ביה קלא א"ל דכתיב (דברים כג) לא תתעב אדומי כי אחיך הוא לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו:

זן א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מילתא דאמרי אינשי כד הוינן זוטרי לגברי השתא דקשישנא לדרדקי. אמר ליה מעיקרא כתיב (שמות יג) וה' הולך לפניהם יומם

פירוש

בסכנת היזק ממון והתם עול דבר אא"כ מתהפך מכרו עמו: גללי: אבנים לשון מורי ל"א גללים ממש ולאשון ישר דגללים ממש אולתיה הוא: קרית חברך. להוכיחו ולא ענך: רמי גודא, כותל הפל עליו כלומר הניהו ויפול ברעהו דההו בידים: דבסית מיניה. ששתית ממנו כבר בגמא: לא הבדי ביה קלא. מוזי"א בלע"ז כלומר דבר הנלרך לך פעם אחת שוב לא תבזהו:

כד הויק זוטרי לגברי. כשהיינו קטנים היינו חשובים כגברי בפחת דקשישנא עכשיו שהזקנו הננו ספלים כתינוקות:

אמר

זיין אנטקעגן. וועל איך אויך ניט מאכען דאס געשעפט. האט רבה געזאגט עס שטייט אין פסוק ברק האט געזאגט צוא דבורה אויב דוא וועסט גיין מיט מיר אין דער מלחמה. וועל איך אויך גיין. אויב דוא וועסט ניט גיין מיט מיר. וועל איך אויך ניט גיין. רבא האט געזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין אהונט ווען ער איז הונגעריג שלינגט ער שטיינער. דאס מיינט מען ער זוכט אויס הארטע זאכען. אזוי וויא שטיינער. צום עסין. עס זאל לאנג ליגען אין בויך ביז עס וועט פאר דייעט ווערין. וועט ער ניט אזוי געשווינט צוריק הונגעריג ווערין. האט רבה געזאגט עס שטייט אין פסוק דער וואס איז זאט פאר מיאוסת ער אפילו זיסע זאכען. אונ דער וואס איז הונגעריג זענען ביי אים אלע ביטערע אונ שלעכטע זאכען אויך זים. רבא האט געזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין אז דוא האסט גירופען דיין חבר אונ ער האט דיר ניט געענפערט ודאס מיינט מען אז דוא האסט געזאגט מוסר צוא דיין חבר ער זאל אוועק גיין פון זיין שלעכטין וועג. אונ ער פאלגט דיך ניט. מעגסטו נעמען אגרויסע וואנט אונ ווארפען אויף אים. דאס מיינט מען דוא מעגסט אים אוועק שטויסען פון דיר אונ ער זאל אריין פאלען אין זיין שלעכטין פירונג. האט רבה געזאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט וויל איך האב דיך גירייניגט אונ דוא האסט ניט גיוואלט ריין ווערין פון דיין טומאה. וועסטו שוין ניט ריין ווערין. רבא האט געזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין. דער ברונען וואס דוא האסט גיטרונקען פון אים. זאלסטו ניט אריין ווארפען אין אים בלאטע. האט רבה געזאגט עס שטייט אין פסוק זאלסט ניט פאר מיאוסן אדום. ווארום ער איז דיין ברודער ואדום איז עשו זאלסט ניט פאר מיאוסין אמצרי. ווארום דוא האסט אמאהל גיוואוינט אין זיין לאנד:

זן אמר. רבא האט געזאגט צוא רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין. אז מיר זענען גיווען יונג. זענען מיר גיווען גירעכענט פאר מענטשין. איצט אז מיר זענען אלט גיווארין. האלט מען אונז וויא קינדער. האט רבה געזאגט פריער ווען די יודין זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. שטייט אין פסוק גאט איז גיגאנגען פאר זייא ביי טאג מיט אוואלקענדיגען זייל. צו פירען זיא אין וועג. אונ ביי נאכט מיט אפייערדיגען זייל צו בעלייכטין זייא. דער נאך שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צוא משה איך וועל שיקען אמלאך פאר דיר ער זאל דיך היטען אין וועג:

יזן אמר. רבא האט געזאגט צו רבה בר מרי פון וואנען ווייסען מיר דיא זאך וואס מענטשין זאגין. נאך דעם רייכין מענטש, ציהט זיך פעטס. אז מען בהעפט זיך צוא אריכען מענטשין

קען

יומם בעמוד ענן לנחותם הדרך ולילה בעמוד אש להאיר להם ולבסוף כתיב (דף נג) (שם כג) הנה אנכי שולח מלאך לפניך לשמרך בדרך :

אחד הצועק ואחד הנצעק. והרי אפי והרגיני אתרפ בנים כמשמע : אלא שממהרין לצועק . תחלה כדאמרן בשרה :

יח א"ל רבא לרבה בר מרי מנא הא מלתא דאמרי אינשי בתר מרי נכסי ציבי משוך . אמר לו דכתיב (בראשית יג) וגם ללוט ההולך את אברם היה צאן ובקר ואהלים . אמר רב חנן כל המוסר דין על חבירו הוא נענש תחלה שנאמר (שם טז) ותאמר שרי אל אברם חמסי עליך וגו' וכתיב (שם כג) ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה והני מילי דאית ליה דיינא בארעא א"ר יצחק אוי לו לצועק יותר מלנצעק . תנ"ה אחד הצועק ואחד הנצעק במשמע אלא שממהרים לצועק יותר מן הנצעק :

יט וא"ר יצחק לעולם אל תהי קללת הדיוט קלה בעיניך שהרי אבימלך קלל את שרה ונתקיים בזרעה שנאמר (שם כ) הנה הוא לך כסות עינים אמר לה הואיל וכסית ממני ולא גלית שהוא אישך וגרמת לי הצער הזה יהי רצון שיהיו לך בנים כסויי עינים ונתקיים בזרעה דכתיב (שם כז) ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות . א"ר אבהו לעולם יהא אדם מן הנרדפים ולא מן הרודפים שאין לך נרדף בעופות יותר מתורים ובני יונה

הכשירן

---

קען מען פון אים אויך בייך ווערין . האט רבה גזאגט עס שטייט אין פסוק . לוט וויל ער איז גיגאנגען מיט אברם . האט ער אויך געהאט שעפסין אונ רינדער אונ גיצעלטין . רב חנן זאגט אז איינער זאגט צו זיין חבר גאט זאל דיך שטראפין פון מיינעט וועגין . וועט ער פריער גישטראפט ווערין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שרי האט גזאגט צוא אברם מיין רויב זאל זיין אויף דיר . גאט זאל דיך שטראפין פון מיינעט וועגין . איז שרי פריער גישטראפט גיווארין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אברהם איז גקומען בקלאגין שרה אונ בעוויינען איר . דאס איז נאר אז עס איז דא דיינים אויף דער וועלט . האבען דאך די דיינים גיקענט משפטין דעם דין : דארף ער ניט געבין דעם משפט צוא גאט . אבער אז אים קען ניט העלפין דער דיין . מעג ער געבין דעם משפט צוא גאט . אונ אין דער צייט פון שרה מיט אברהם זענען גיוועזען דיינים . דער בית דין פון שם בן נח . רבי יצחק זאגט דעם שרייער איז ערגער ווי דער וואס מען שרייט אויף אים . דער וואס שרייט צוא גאט ער זאל שטראפין זיין חבר . וועט ער נאך מער גישטראפט ווערין ווי זיין חבר . מיר האבען אויך אזוי גילערנט עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך וועל אין כעס ווערין אונ וועל אייך בייד הרגנן . דעם שרייער , אונ דעם וואס מען שרייט אויף אים . נאר דעם שרייער שטראפט מען נאך פריער ווי מען שטראפט דעם וואס מען שרייט אויף אים :

יט ואמר . נאך האט רבי יצחק גזאגט די קללה פון צפראסטין מענטש זאל ניט זיין גרינג ביי דיר . ווארום אבימלך האט גיפלוכט שרהן . איז די קללה מקוים גיווארין ביי איר קינד . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אבימלך האט גזאגט צוא שרה דאס זאל דיר פאר דעקין דיינע אויגען . אזוי האט אבימלך גזאגט צו שרה . ווייל דוא האסט צו גידעקט פון מיר אונ האסט מיר נישט גזאגט אז אברהם איז דיין מאן אונ דו האסט מיר גיברענגט אזוי פיל צער . זאל זיין דער ווילען פון גאט דוא זאלסט האבען קינדער מיט טונקעלע אויגען . אונ די קללה איז מקוים גיווארין ביי איר קינד . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז יצחק איז אלט גיווארין זענען טונקעל גיווארין זיינע אויגען פון צוא זעהן . רבי אבהו זאגט אייביג זאל א מענטש זיין פון די נאך געיאגטע . אונ ער זאל ניט זיין פון די נאך יאגער . אז מען יאגט נאך א מענטשין אים צוא טאהן שלעכץ . זאל ער נאר בעטין צוא גאט ער זאל אים העלפין . אונ זאל ניט צוריק יאגען שלעכטס צוא טאהן . אפילו ער קען צוריק שלעכטס טאהן . זאל ער אויך ניט טאהן . ווארום פון אלע עופות ווערט קיינע ניט אזוי פיל נאך געיאגט ווי אלטע טויבין אונ יונגע טויבין . אלע עופות ווילען נאר חפען די טויב אונ זיא הרגנן . אונ די טויב וויל קיינעם ניט נאך יאגין : אונ די

תורה

בוצע ברך. גוזל ומברך (ולא כו') [בוצע] כמו כל בוצע בצע :
אין רוח חכמים נוחה הימנו. אין רוח חכמה ותבונה בקרבו :
דוד ושלמה כתוב מצד אחד ומצד שני כתיב ירושלים עיר הקדש : זקן וזקנה. אברהם ושרה : בתול

והכשירן הכתוב לגבי המזבח :

## הגוזל עצים פרק תשיעי

(דף קד) **א תניא** ר"א בן יעקב אומר הרי שגזל סאה של חטין טחנה לשה ואפאה והפריש ממנה חלה כיצד מברך אין זה מברך אלא מנאץ ועל זה נאמר (תהלים י) ובוצע ברך נאץ ה' :

**ב ת"ר** הגזלנין ומלוי ברבית שהחזירו אין מקבלין מהם והמקבל מהם אין רוח חכמים נוחה הימנו. אמר רבי יוחנן בימי רבי נשנית משנה זו דתניא מעשה באדם אחד שבקש לעשות תשובה אמרה לו אשתו ריקה אם אתה עושה תשובה אפילו אבנט אינו שלך ונמנע ולא עשה תשובה באותה שעה אמרו הגזלנין ומלוי ברבית שהחזירו אין מקבלים מהם והמקבל מהם אין רוח חכמים נוחה הימנו :

(דף מ ע"ב) **ג ת"ר** איזהו מטבע של ירושלים דוד ושלמה מצד אחד וירושלים עיר הקדש מצד אחד ואיזהו מטבע של אברהם אבינו זקן וזקנה מצד אחד

---

תורה האט פסול געמאכט צוא אקרבן אויף דעם מזבח אלע עופות. נאר טויגען זענען כשר צום מזבח :

## פרק תשיעי

**א** תניא. מיר האבען גילערונט רבי אליעזר בן יעקב זאגט אז איינער האט גיגזלת א סאה ווייץ. אונ ער האט דיא ווייץ גימאהלין אונ גימאכט מעהל. אונ ער האט דיא מעהל גיקנעטין אונ גימאכט ברויט. אונ האט דיא ברויט גיבאקט. אונ האט אפ גישיידט פון דיא ברויט חלה אונ גיגעבין צום כהן. וויא אזוי מאכט ער אברכה. דאס הייסט ניט ער האט גילויבט גאט : נאר ער האט גילעסטערט גאט. אויף דעם זאגט דער פסוק אז דער גזלן מאכט אברכה. לעסטערט ער גאט :

**ב** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אגזלן אדער דער וואס האט פאר בארגט געלט אונ האט גינומען פראצענט. אז זייא ווילען צוריק געבין. דער גזלן וויל צוריק געבין וואס ער האט גיגזלת. אונ דער מלוה וויל צוריק געבין דיא פראצענט. זאל מען ניט צו נעמען פון זייא. אונ דער וואס נעמט יא צוריק פון זייא. האבען אים דיא חכמים ניט ליב ; ווייל ער איז ניט פרום. רבי יוחנן זאגט אין דיא צייט פון רבי איז גילערינט גיווארין דיא משנה. ווארום מיר האבען גילערונט עס האט אמאהל גיטראפין אגזלן האט גיוואלט טאהן תשובה אונ צוריק געבין אלץ וואס ער האט גיגזלת. האט זיין ווייב צו אים גיזאגט דוא נאר אז דו וועסט טאהן תשובה אונ אלץ אוועק געבין. אפילו דער גארטיל איז דאך אויך ניט דיינער. וואס וועט דיר בלייבין פון וואגען וועסטו ווייטער לעבין. האט ער גיהערט אונ האט ניט תשובה גיטאהן אונ איז גיווען ווייטער אגזלן. אין דער צייט האבען דיא חכמים גזאגט אז אגזלן אדער דער וואס האט פאר בארגט געלט אונ האט גינומען פראצענט. אז זייא ווילען צוריק געבין דיא גזלות אונ דיא פראצענט. ווייל זייא ווילען תשובה טאהן. זאל מען פון זייא ניט צו נעמען. נאר מען זאל זייא אריין שייקען. אונ זייא זאלין תשובה טאהן זייא זאלין ניט מער גזלנן אונ ניט נעמען פראצענט. אונ דער וואס נעמט יא צו פון זייא האבען אים דיא חכמים ניט ליב. ווייל ער איז ניט קלוג אונ איז ניט פרום. טאמער וועלין זייא אויף חרטה באפאלען אונ וועלין ניט תשובה טאהן :

**ג** תנו רבנן. ד"א רבנן האבען גילערונט וועלכע מטבע איז פון ירושלים. פון איין זייט איז גימאלט דוד אונ שלמה. פון אנדערין זייט איז גימאלט דיא שטאט ירושלים. וועלכע מטבע איז

אחד ובחור ובתולה מצד אחד:

(דף ק"י ע"ב) ד ת"ש כ"ד מתנות כהונה ניתנו לאה"ן ולבניו וכולן נתנו בכלל ובפרט וכלל וברית מלח כל המקיימן כאילו מקיים כלל ופ"ט וכלל וברית מלח וכל העובר עליהן כאילו עובר על כלל ופרט וכלל וברית מלח ואלו הן י' במקדש וד' בירושלים וי' בגבולין י' במקדש חטאת בהמה וחטאת העוף ואשם ודאי ואשם תלוי וזבחי שלמי צבור ולוג שמן של מצורע ומותר העומר ושתי הלחם ולחם הפנים ושירי מנחות וד' בירושלים הבכורה והביכורים והמורם מן התודה ואיל נזיר ועורות קדשים וי' בגבולין תרומה ותרומת מעשר וחלה וראשית הגז והמתנות ופדיון

ובתולה .. יצחק ורבקה:

בכלל ופרט וכו'. לכל קדשי בני ישראל לך נתתים למשחה כלל. וזה יהיה לך מקדש הקדשים מן האש פרט כל מתנה בפני עצמו כל תרומות הקדשים חזר וכלל והדר כתיב ברית מלח עולם היא וגו' [בס"ף הפרשה]: כל המקיימן כאילו מקיים. כל התורה כולה שניתנה לדרוש בכלל ופרט וכלל וכאילו קיים כל הקרבנות הכתובין. ברית מלח: עשר במקדש. נאכלים לפנים מן הקלעים: ד' בירושלים. בכל העיר: וי' בגבולין. בערי א"י: אשם ודאי. ה' הן גזילות מעילות שפחה חרופה נזיר ומצורע וחד חשיב להו: אשם תלוי. בא על ספק כרת שלא נודע לו שעבר ודאי שיבא חטאת: זבחי שלמי צבור. כבשי עצרת שנקראו שלמים כדכתיב ושני כבשים בני שנה וקדשי קדשים הן כדכתיב קדש יהיו לה' לכהן ונאכלים לפנים מן הקלעים: ולוג שמן של מצורע. מה שנשאר בלוג מ יציקה לכף הכהן של השמאלית נאכל לכהנים דהוא כמנחות וכזבחים לכל קרבנם לרבות לוג שמן של מצורע דכהנא נמי קרוי קרבן דכתיב והקריב אותו לאשם ואת לוג השמן וסמיך ליה לקרא קה"א בקדשי הקדשים תאכלנו בויקרא קרא: מותר העומר. מנחת העומר נקמצת ושיריה נאכלים וכל המנחות קדשי קדשים הם כדכתיב לא תאכל עליו חמץ וגו': ושירי מנחות. כל מנחות בקמיצה מנחת נדבה ומנחת חוטא ומנחת כוהה: הבכורה. בכור הם נאכל בכל העיר וכן הבכורים בירושלים הוא כדכתיב ואכלת לפני ה' אלהיך וגו' ואמר מר ותרומת ידך אלו בכורים: והמורם מתודה. חזה ושוק וד' חלות מד' מינים שבה חלות ורקיקין ורבוכה וכתיב והקריב ממנו אחד מכל קרבן תרומה לכהן הזורק וגו': מורם מאיל נזיר. זרוע בשלה וחלה ורקיק וחזה ושוק של שלמים בכלל תודה הוא דהתודה שלמים הקרי והכא הכתי תודה ואיל נזיר משום דדמיין להדדי חשיב להו כחדא כדקאמר בשמעתא חולין בפרק הזרוע: ועורות קדשים. עורות עולה וחטאות ואשמות אבל קדשים קלים עורותיהן לבעלים כדאמרי' בזבחים פרק טבול יום ומ"מ תשיב להו בכדי הכך דירושלים למעוטי דאין נתנין בכדי הכך דגבולין דהיינו עורות לא מהיכב להו אלא בירושלים ובכדי הכך

איז פון אברהם אבינו. פון איין זייט איז גימאכט אאלטער מאן מיט אאלטע ווייב דאס איז אברהם אונ שרה. פון אנדערין זייט איז גימאלט אבחור מיט אם ידיל דאס איז יצחק מיט רבקה:

ד תא שמע. מיר האבען גילערנט פיר אונ צוואנציג מתנות זענען גיגעבין גיווארין צו אהרן מיט זיינע קינדער אונ אלע זענען גיגעבין גיווארין מיט אכלל אונ אפרט אונ אכלל אונ ברית מלח. דער וואס גיט דיא פיר אונ צוואנציג מתנות. איז גלייך וויא ער וואלט בקיים גיוועען דיא גאנצע תורה וואס זיא איז גיגעבין גיווארין מיט כלל אונ פרט אונ כלל. אונ וויא ער וואלט מקריב גיוועען אלע קרבנות וואס ביא זייא שטייט ברית מלח. אונ דער וואס גיט נים דיא פיר אונ צוואנציג מתנות. איז גלייך וויא ער וואלט נים בקיים גיוועען דיא גאנצע תורה וואס זיא איז גיגעבין גיווארין מיט כלל אונ פרט אונ כלל אונ וויא ער וואלט נים מקריב גיוועען קרבנות וואס ביא זייא שטייט ברית מלח. דאס זענען דיא פיר אונ צוואנציג מתנות צעהן וואס ווערין גיגעסין אין בית המקדש. אונ פיר וואס ווערין גיגעסין אין ירושלים. אונ צעהן וואס ווערין גיגעסין אין גאנץ ארץ ישראל. צעהן ווערין גיגעסין אין מקדש. אחטאת פון בהמות. אונ אחטאת פון עופות. אונ אאשם וואס ווערט גיבראכט אויף אגעוויסע עבירה. אונ אאשם וואס ווערט געבראכט אויף אספק עבירה. אונ דיא שלמים וואס אלע יודין בריינגען. דאס איז דיא צווייא שעפסין פון שבועות. אונ דער קווארט אייל וואס דער מצורע בריינגט. אונ וואס עס בלייבט פון עומר. אונ דיא צווייא ברויט פון שבועות. אונ דער לחם הפנים. אונ וואס עס בלייבט פון אלע מנחות. פיר ווערין גיגעסין אין ירושלים. אבכור. אונ בכורים. אונ וואס עס ווערט אפ גישיידט פון אתודה. (דיא ברוסט אונ דיא פאלקע אונ דיא פיר חלות). אונ וואס עס ווערט אפ גישיידט פון דעם איל וואס דער נזיר בריינגט (אפאדערשטע פוס אונ אחלה אונ אך ברו) אונ דיא פעל פון קרבנות (פון עולה חטאת אשם). אונ צעהן אין גאנץ ארץ ישראל. תרומה. אונ תרומת מעשר. חלה. אונ דיא ערשטע וואל וואס מען שערט פון דיא שעפסין. אונ אז מען שעכט אבהמה גיט מען צום כהן דיא פאדערשטע פוס אונ דיא באקין אונ דעם מאגין. אונ פינף מאהער אז מען לייזט אויס אזוהן אבכור. אונ אז מען לייזט אויס אבכור פון אאייזיל. אונ אז איינער האט

גיחיילינט

ופדיון הבן ופדיון פטר חמור ושדה אחוזה ושדה חרמים וגזל הגר :

## הגוזל ומאכיל פרק עשירי

(דף קי"ג ע"ב) **א אמר** רב ביבי בר גידל אמר ר"ש חסידא גזל עכו"ם אסור דאמר רב הונא מנין לגזל עובד כוכבים שהוא אסור שנאמר (דברים ז) ואכלת את כל העמים אשר ה' אלהיך נותן לך בזמן שהם מסורים בידך ולא בזמן שאינם מסורים בידך :

כיון דבמקדש לא חשיב אלא סהו דאי נפקי חוץ לקלעים מפסלי ביוצא : ושדה אחוזה . שהקדישה בעלים ולא גאלה ומכרה גזבר בשהוציאה מהו"ר כיובל מתחלקת לכהנים : ושדה חרמים . ישראל שהחרימו בדיכן : וגזל הגר . נמי קרי ליה מתנות גבולים שאם נתנו לכהן המוכיח חוץ לירושלים יצא ואיל אמו יעלה לירושלים להקריב :

(בעי אחויי . ר"ל בלא גזלה לעצמו אלא להראות לנכרים על תיבנא של חבירו שיגזלו) : לקועיה . לצוואריה שבר מפרקתו : תוא . מיה הוא והוא שור הבר כדמתרגמינן ותוא תורבלא הור בור בלא יער : אין מרחמין

(דף קי"ז) **ב ההוא** גברא דהוה בעי אחויי אתיבנא דחבריה אתא לקמיה דרב א"ל לא תהוי ולא תחוי א"ל מחוינא ומחוינא יתיב רב כהנא קמיה דרב שמטיה לקועיה מיניה קרי רב עילויה (ישעיה נא) בניך עלפו שכבו בראש כל חוצות כתוא מכמר מה תוא זה כיון שנפל במכמר אין מרחמין עליו אף ממונם של ישראל כיון שנפל ביד עכו"ם אין מרחמין עליו א"ל רב כהנא עד האידנא הוו פרסאי דלא קפדי אשפיכות דמים והשתא איכא יוונאי דקפדי אשפיכות דמים ואמרי מרדין מרדין קום סק לארעא דישראל וקביל עלך שלא תיקשי לרבי יוחנן שבע שנין אזל אשכחיה לריש לקיש דיתיב

---

גיהייליגט צו גאט אפעלד וואס ער האט געירשת. אונ ער האט איר ניט צוריק אוים גילייזט. אונ דער גבאי פון בית המקדש האט איר פאר קויפט. אז עס קומט יובל אונ דיא פעלד קומט צוריק צום גבאי. צוא טיילט מען דיא פעלד צו דיא כהנים. אונ אז איינער האט גיזאגט דיא פעלד זאל זיין חרם. גיט מען דיא פעלד צו דיא כהנים: אונ אז איינער האט גיגזלת געלט ביים גר. אונ דער גר איז גישטארבין אן קינדער. דארף דער גזלן געבין דאס געלט צו דיא כהנים :

## פרק עשירי

**א** אמר. רב ביבי בר גידל האט גיזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין מען טאר ניט גזלנן ביים אגוי. ווארום רב הונא האט גיזאגט פון וואנען ווייסין מיר אז מען טאר ניט גזלנן ביים אגוי. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט עסין דיא אלע פעלקער וואס גאט גיט דיר. ווען דיא גוים זענען גיגעבין אין דיין האנט. מעגסטו זייער פאר מעגין אויך נעמען אבער ווען דיא גוים זענען ניט גיגעבין אין דיין האנט. טארסטו ניט נעמען זייער פארמעגין :

**ב** ההוא. איינר האט אמאהל גיוואלט ווייזין צו אגוי ווא זיין חברס שטרוי ליגט. דער גוי זאל אוועק נעמען דיא שטרוי ביים דעם חבר. איז דער יוד גיקומען פאר רב. האט רב צוא אים גזאגט זאלסט ניט ווייזין זאלסט ניט ווייזין. האט דער יוד גזאגט איך וועל ווייזין איך וועל ווייזין. איז רב כהנא גיזעסין פאר רב. האט רב כהנא צו בראכין דיא האלדז פון דעם יודין. אונ דער יוד איז גישטארבין: האט רב גילייענט דעם פסוק אויף דעם יוד. דיינע קינדער זענען פאר חלשת גיווארין זיא זענען געבליבען ליגען אין אלע גאסין אזוי וויא א תוא (אווילדער אקס) אין דיא נעץ. אזוי וויא דער תוא אז ער פאלט אריין אין דיא נעץ האט מען ניט רחמנות אויף אים: אזוי יודישע געלט אז עס פאלט אריין אין דיא הענט פון אגוי. האט דער גוי ניט רחמנות אויף דעם יודין אונ ניט אויף זיין געלט. דריבער האסטו גוט גיטאהן וואס דו האסט דעם יוד גיהרגת. האט רב כהנא גזאגט צו רב ביז איצט זענען גיוועזן דיא פרסיים אין דער מדינה זייא האט ניט גיהארט אז מען האט גיהרגת אמענטשין. איצט זענען דיא יונים אין דער מדינה וואס זייא שטראפין דעם וואס הרגת אמענטשין. האט רב גזאגט צוא רב כהנא אנטלויף אין ארץ ישראל. נאר זאלסט נעמען אויף

דיתיב וקא מכיים מתיבתא דיומא לרבנן אמר להו ר"ל היכא אמרו ליה אמאי אמר להו האי קושיא והאי קושיא האי פירוקא והאי פירוקא אמרי ליה לריש לקיש אזל ריש לקיש א"ל לרבי יוחנן ארי עלה מבבל ליעיין מר במתיבתא דלמחר למחר אותבוה בדרא קמא קמיה דרבי יוחנן אמר שמעתתא ולא אקשי שמעתתא ולא אקשי אנחתיה אחורי שבע דרי עד דאותביה בדרא בתרא. א"ל רבי יוחנן לר"ש בן לקיש ארי שאמרת נעשה שועל אמר רב כהנא יהא רעוא דהני שבע דרי ליהוו חילוף שבע שנין דאמר לי רב קם אכרעיה א"ל נהדר מר ברישא אמר שמעתתא ואקשיה אמר שמעתתא ואקשיה עד דאוקמיה בדרא קמא. ר' יוחנן הוה יתיב אשבע בסתרקי שלפי ליה חדא ביסתרקא מתותיה אמר שמעתתא ואקשי ליה עד דשלפי ליה כולי ביסתרקי מתותיה עד דיתיב ארעא. רבי יוחנן גברא סבא הוה ומסרחי גביניה אמר להו דלו לי עיני ואחזיה דלו ליה במכחלתא דכספא חזא דפריטא שפוותיה

מרחמין עלך. ושפיר עבדת דקט היה : מטייס מתיבתא דיומא לרבנן. היה מחזיר ושונה להם מה בדרש רבי יוחנן אותו היום לפי שר"ל חכם גדול היה ולאחר ששמעו כולם [מפי הרב] היה חוזר ומכוון בידם : בדרא קמא. שבע שורות תלמידים יושבים לפניו זו לפנים מזו : ביסתרקא. תפי"ד בלע"ז : מסרחי גביניה. גבות עיניו גדולים ומכסים עיניו : פריטא שפוותיה. נקרעה שפתו ע"י מכה : הדרא ליה

---

אויף דיר זיז זאלסט זיבען יאהר ניט פרעגין קיין קשיא צוא רבי יוחנן: איז רב כהנא גיקומען אין ארץ ישראל אונ האט גיטראפין ריש לקיש זיצט אונ חזרת מיט דיא תלמידים דיא גמרא וואס רבי יוחנן האט היינט גילערנט: האט רב כהנא גיזאגט צו דיא תלמידים ווא איז ריש לקיש. האבין דיא תלמידים גיזאגט צוא רב כהנא ציא וואס דארפסטו ריש לקיש. האט רב כהנא צו זייא גיזאגט איך האב צוא פרעגין אזוי אקשיא אזוי אקשיא אונ האב צוא ענטפערין אזוי אתירוץ אזוי אתירוץ. האבען דיא תלמידים גיזאגט צוא ריש לקיש. אזוי האט דער פרעמדער מענטש גיזאגט. איז גיגאנגען ריש לקיש אונ האט גיזאגט צוא רבי יוחנן אלייב איז אויף גיגאנגען פון בבל. גיב אכטונג אונ קלער איבער דיא גמרא וואס דוא וועסט מארגין לערנען. מארגין האט מען גיזעצט רב כהנא אין דיא ערשטע שורה תלמידים וואס זיצען פאר רבי יוחנן. האט רבי יוחנן געזאגט איין דין אונ רב כהנא האט גאר ניט גיפרעגט. דער נאך האט רבי יוחנן גיזאגט נאך אדין. אונ רב כהנא האט גאר ניט גיפרעגט. האט מען גיזעצט רב כהנא אינטער דיא זיבעטע שורה. ביז מען האט איהם גיזעצט אין דיא לעצטע שורה: האט רבי יוחנן גיזאגט צוא רבי שמעון בן לקיש דער לייב וואס דוא האסט גזאגט איז גיווארין אפוקס. האט רב כהנא גזאגט עס זאל זיין דער ווילען אז דיא זיבען שורות וואס מען האט מיך אראפ גענידערט. זאל זיין גירעכונט פאר דיא זיבען יאהר וואס רב האט מיר גיהייסען וואדטען. האט רב כהנא זיך גישטעלט אויף דיא פיס. אונ האט גזאגט צוא רבי יוחנן הייב אן פון אנהייב. האט רבי יוחנן גזאגט אדין אונ רב כהנא האט אים גיפרעגט אקשיא. אונ רבי יוחנן האט גזאגט נאך אדין. אונ רב כהנא האט אים גיפרעגט אקשיא. ביז מען האט אים צוריק גישטעלט אין דיא ערשטע שורה. רבי יוחנן איז גיזעסין אויף זיבען קישנס. האט ער גיהייסען מען זאל ארויס נעמען איין קישון פון אונטער אים. האט רבי יוחנן גזאגט נאך אדין. האט רב כהנא אים גיפרעגט אקשיא. האט מען ארויס גינומען נאך אקישון פון אונטער רבי יוחנן. אונ אזוי פיל קשיאס האט רב כהנא גיפרעגט ביז מען האט ארויס גנומען אלע קישנס פון אונטער רבי יוחנן. אונ רבי יוחנן איז געבליבען זיצען אויף דיא ערד. רבי יוחנן איז גיוועזען אאלטער מאן. אונ ער האט גיהאט גרויסע ברעמען. האט רבי יוחנן גזאגט צוא דיא תלמידים הייבט אויף מיינע ברעמען. פון מיינע אויגען אונ איך וויל זעהען דעם מענטש וואס האט מיך גיפרעגט דיא קשיאס. האט מען אויף גיהויבען דיא ברעמען זיינע מיט אזילבערנע רער. רב כהנא האט גיהאט צוא שפאלטענע ליפען. האט אויס גיזעהן וויא ער לאכט. וויא רבי יוחנן האט אקוק גיטאהן אויף רב כהנא. האט רבי יוחנן גימיינט אז רב כהנא לאכט פון אים. איז רבי יוחנן ביי זיך זייער הער גיווערט

גיווארין

שפוותיה סבר אחוכי קמחייך ביה חלשא דעתיה ונח נפשיה למחר אמר להו רבי יוחנן לרבנן חזיתו לבבלאה היכי עביד אמרו ליה דרכיה הכי על לגבי מערתא חזא דהוה (ע"ב) הדרא ליה עכנא א"ל עכנא עכנא פתח פומיך ויכנס הרב אצל תלמיד ולא פתח יכנס חבר אצל חבר ולא פתח יכנס תלמיד אצל הרב פתח ליה בעא רחמי ואוקמיה א"ל אי הוה ידענא דדרכיה דמר הכי לא חלשא דעתאי השתא ליתי מר בהדן א"ל אי מצית למיבעי רחמי דתו לא שכיבנא אזילנא ואי לא לא אזילנא הואיל וחליף שעתא חליף תיויריה אוקמיה שייליה כל ספיקא דהוה ליה ופשטינהו ניהליה והיינו דא"ר יוחנן דילכון אמרי דילהון היא :

ג רב חסדא הוה ליה ההוא אריסא דהוה תקיל ויהיב תקיל ושקיל סלקיה קרא אנפשיה (משלי יג) צפון לצדיק

פכנא . נחש גדול עשה עצמו כגלגל ומקיף את פי המערה ונותן זנבו לתוך פיו ואין אדם יכול ליכנס : פתח פיך . כלומר פתחך להסיר זנביך מפיך ועשה פתח ליכנס : אי מצית למבעי רחמי דתו לא שכיבנא . אי אקשינא לך אזילנא בהדך ואעמוד אצלך בב"מ : ואי לא הואיל וחליף שעתא . ואיכא ניכא חליף ולא אלך עוד עמך שמא הכעוס עלי ואמות עוד פעם אחרת אלא אלך לביתי חי ולא אעמוד עוד אצלך פן אמות פעם אחרת ואית דמפרשי הואיל וחליף שעתא וקבלתי צער מיתה לא אקבל עוד פעם אחרת לילך מכאן ובפסחים מוכח שהלך לביתו דאמר רב כהנא אי לאו דכסיבנא כהנתא לאו אנא גלאי אמרי ליה והא למקום תורה גלית א"ל לאו אנא גלאי כדגלו שאר אינשי שהרי לא , עבור מקום תורה גליתי אלא מאימת מלכות ברחתי אלמא בתר הכי אי היה ועוד אמריך בברכות ירושלמי דפגע ביה ההוא גברא א"ל מאי עבדי בשמיא כלומר שלעג עליו שהיה מת וחיה א"ל גזר דיניה דההוא גברא מתמם אתם ומית ההוא גברא פגע ביה אחרינא א"ל ס"ג ומית אתו לקמיה דרבי יוחנן א"ל בר אינש דאמיה מבשרא ליה ואינהתים דאבוה מיקרא כו' : תייריה . הקיצו משנתו : דילכון אמרי . שלכם הייתי אומר תורה של בני א"י [היא] : דילהון היא . של בני בבל : תקיל ויהיב . לרב חסדא : תקיל ושקיל . נפשיה מדקדק בחלוקה ואינו מוותר מהלקו כלום . נ"א מהנה היה נוטל ודוקא שלא הריסיה ליטול שליש : [קרא אנפשיה] . רב חסדא צדיק והאריס חוטא ונלפן

גיוואָרין . איז רב כהנא געשטארבין . אויף מארגין האט רבי יוחנן גזאגט צוא דיא רבנן איר האט געזעהן וואס דער למדן פון בבל האט געטאהן . ער האט געלאכט פון מיר . האבען דיא רבנן גזאגט צוא רבי יוחנן ער האט גאר ניט געלאכט נאר זיין שטייגער איז אזוי געוועזן צוא האלטען דיא מויל גלייך וויא מען לאכט . איז רבי יוחנן געגאנגען צוא דעם קעלער וואו רב כהנא איז באגראבען געלעגין . האט ער געזעהן א שלאנג ליגט ארום דעם קעלער אונ ער האלט דעם וויידיל אין מויל . אונ מען קען ניט אריין גיין אין דעם קעלער . האט רבי יוחנן גזאגט צום שלאנג . שלאנג שלאנג העפין דיין מויל אונ נעם ארויס דעם וויידיל פון מויל אונ מאך אטיר מען זאל קענען אריין גיין אין דעם קעלער . ווייל אריין גיין דער רבי צוא זיין תלמיד . האט דער שלאנג ניט געהעפינט . זאל אריין גיין אחבר צוא אחבר . האט דער שלאנג ניט געעפינט . זאל אריין גיין דער תלמיד צום רבי . האט דער שלאנג געעפינט . האט רבי יוחנן געבעטין צוא גאט איז רב כהנא לעבעדיג געווארין . האט רבי יוחנן געזאגט צוא רב כהנא ווען איך וואלט וויסען אז דער נאטור פון דיר איז צוא האלטען דיא מויל אזוי וויא לאכענדיג . וואלט איך ביי מיר ניט אזוי דער נידערט געווארין . קום מיר וועלין גיין צוריק אין בית המדרש . האט רב כהנא גזאגט צוא רבי יוחנן אויב דוא קענסט אוים בעטין אז איך זאל שוין ניט שטארבין . וועל איך גיין מיט דיר . אונ אויב דוא קענסט דאס ניט אוים בעטין . וועל איך ניט גיין מיט דיר . ווייל עם איז שוין איין מאהל אריבער דיא צייט . איך האב שוין געליטען דעם צער פון טויט . וויל איך שוין ניט לעבעדיג ווערין אונ נאך אמאהל שטארבין . האט רבי יוחנן אים אויף געוועקט אונ האט אים אויף געשטעלט . אונ האט ביי אים געפרעגט אלץ וואס אים איז געוועזן אספק . אונ רב כהנא האט אים אלץ גזאגט . דאס איז וואס רבי יוחנן האט גזאגט . איך האב געמיינט דיא תורה איז אייערע וואס דיא רבנן פון ארץ ישראלו . איצט זעה איך אז דיא תורה איז זייערע . צוא דיא רבנן פון בבל . דיא רבנן פון בבל קענען בעסער לערנען וויא דיא רבנן פון ארץ ישראל :

ג רב חסדא האט געהאט אאריס אפעלד ארבעטער וואס ער האט געארבעט אין זיינע פעלדער געהאקערט געזייט געשניטען . אונ פאר זיין ארבעט פלעגט ער נעמען אחלק אין דיא תבואה פון פעלד . וואס ער פלעגט נעמען העלפט תבואה פאר זיך . אונ העלפט תבואה האט

ער

לצדיק חיל הוטא (איוב כז) כי מה תקות חנף כי יבצע כי ישל אלוה נפשו. רב הונא ורב חסדא חד אמר נפשו דנגזל וחד אמר נפשו של גזלן. מ"ד נפשו של נגזל דכתיב (משלי א) כן ארחות כל בוצע בצע את נפש בעליו יקח. מ"ד נפשו של גזלן דכתיב (שם כב) אל תגזל דל כי דל הוא ואל תדכא עני בשער כי ה' יריב ריבם וקבע את קובעיהם נפש. ואידך נמי הכתיב נפש בעליו יקח כאי בעליו בעליו דהשתא. ואידך נמי הכתיב וקבע את קובעיהם נפש מה טעם קאמר מה טעם וקבע את קובעיהם כשום דקבעי נפש. אמר רבי יוחנן כל הגוזל את חברו שוה פרוטה כאילו נוטל נשמתו ממנו שנאמר כן ארחות כל בוצע בצע את נפש בעליו יקח. ואומר (ירמיה ה) ואכל קצירך ולחמך יאכלו בניך ובנותיך ואומר (יואל ד) מחמס בני יהודה אשר שפכו דם נקי בארצם ואומר (ש"ב כא) אל שאול ואל בית הדמים אשר המית הגבעונים מאי ואומר וכ"ת

ואשר חילו לרב חסדא דסלקו וגזל ולקו : [כי ישל אלוה נפשו. משליך הקדוש ברוך הוא נשמתו ומאבד ממנו כמה אחת] : אל תגזל דל כי דל הוא. אע"פ שדל הוא ואין לו מה תגזול : אל תדכא עני בשער. מעשר עני ולקט שכחה ופאה המתחלקין בשעריך אל תדכאהו בהם : וקבע את קובעיהם נפש. גוזל נפש גוזליהם : בעליו דהשתא. גזלן שנעשה עכשיו בעלים לממון : ואכל קצירך ולחמך. ודומה לך כאוכל בניך ובנותיך לפי שאין לך שובע כמה לפניהם : מחמס בני יהודה. מגזל שעשו מעלה אני עליהם כאילו שפכו דם נקי : המית הגבעונים. כדמפרש לקמיה שהמית כהני נוב : [שהיו מספקין מים ומזון לגבעונים] שהגבעונים היו מבוססים למזבח [חוטבי עצים] ושואבי מים ומעלה עליו

---

ער גיגעבן צוא רב חסדא. האט רב חסדא אפ גישאפט דעם ארים. האט רב חסדא גילייענט אויף זיך דעם פסוק עס איז בעהאלטען פאר דעם צדיק. פאר מיר. דאס גוטס פון דעם זינדיגער פון דעם ארים. אין פסוק שטייט וואס איז דיא אפענונג פון דעם פאלשין וואס ער גזלת. נאט וועט אוועק ווארפין זיין נשמה. רב הונא אונ רב חסדא קריגען אין דעם פסוק. איינער זאגט דיא נשמה פון נגזל. פון דעם וואס איז גיגזלת גיווארין ; ואונ אזוי מיינט דער פסוק וואס איז די אפענונג פון דעם פאלשין וואס ער גזלת. נאט וועט דאך אים רעבענען גלייך וויא ער וואלט אוועק גינומען ביא אים זיין נשמהו. אונ איינער זאגט דיא נשמה פון גזלן. ואונ אזוי מיינט דער פסוק וואס איז דיא אפענונג פון דעם פאלשין וואס ער גזלת. נאט וועט דאך אוועק נעמען זיין נשמהו. דער וואס זאגט מען מיינט דיא נשמה פון נגזל. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי את דער שטייגער פון א גזלן ער נעמט דיא נשמה פון דעם בעל הבית. אונ דער וואס זאגט מען מיינט דיא נשמה פון גזלן. ווארום עס שטייט אין פסוק זאלסט ניט גזלנן דעם ארעם מאן ווארום ער איז אארעם מאן זאלסט ניט צוא שטויסען דעם ארעם מאן אין טויער ווארום גאט וועט קריגען זייער קריג אונ ער וועט אוועק נעמען ביא דיא וואס האבען זייא גיגזלת זייערע נשמות. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק ער וועט נעמען די נשמה פון בעל הבית, מיינט מען דאך דיא נשמה פון נגזל. איז דאך אקשיא אויף דעם וואס זאגט די נשמה פון גזלן, ענטפערט דיא גמרא דעם בעל הבית מיינט מען דעם איצטיגען בעל הבית. אונ איצט איז דער בעל הבית דער גזלן. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק ער וועט אוועק נעמען ביא זייערע גזלנים דיא נשמה. מיינט מען דאך דיא נשמה פון גזלן. איז דאך אקשיא אויף דעם וואס זאגט דיא. נשמה פון נגזל. ענטפערט דיא גמרא דער פסוק זאגט אטעם. פאר וואס וועט ער גזלנן דיא גזלנים. ווייל דיא גזלנים נעמען אוועק דיא נשמה פון נגזל. רבי יוחנן זאגט אז איינער גזלת ביי זיין חבר אפילו וואס זיין ווערט אפרוטה. איז גלייך וויא ער וואלט ביא אים גינומען דיא נשמה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי איז דיא וועג פון גזלן ער נעמט צו דיא נשמה פון בעל הבית. נאך זאגט דער פסוק דער וואס וועט עסין דיין שניט אונ דיין ברויט, איז גלייך וויא ער וואלט עסין דיינע זיהן אונ דיינע טעכטער. נאך זאגט דער פסוק דיא רויב וואס יהודה האט גירויבט איז גלייך וויא זייא וואלטין פר גאסען דיין בלוט אין זייער לאנד. נאך זאגט דער פסוק אויף שאול אונ אויף דיא בלוטיגע הויז. וואס ער האט גיהרגת דיא גבעונים. פרעגט דיא גמרא צוא וואס ברייננט מען אזוי פיל פסוקים. נאר טאמער וועסטו זאגן אז איינער גזלת

ביי

עליו כאילו המית הגבעונים : אבל נפש בניו ובנותיו לא. אם כלאם נפש בעליו יקח את נכרת מן הלא נפש בגזל אבל בניו ובנותיו לא כגון נגזל הגזלה בני הגזל : [דלא יהיב דמי] . שמשון יהיב דמי וזה לא היה רוצה למכור : רבינא : גבאי צדקה היה : כבלי . שרביטין וכו' : בידי . שירים : בני מעות . עבירים כו :

וכ"ת נפש דידיה אין אבל נפש בניו ובנותיו לא **תא** שמע בשר בניו ובנותיו וכ"ת ה"מ היכא דלא **יהיב** דמי אבל היכא דיהיב דמי לא ת"ש מחמס בני יהודה אשר שפכו **דם** נקי בארצם וכ"ת הני מילי **היכא** דקעביד בידים אבל גרמא לא ת"ש **אל** שאול ואל **בית** הדמים אשר המית את הגבעונים וכי היכן מצינו **שהרג** שאול את הגבעונים אלא מתוך שהרג נוב עיר הכהנים שהיו מספיקים להם מים ומזון **מעלה** עליו הכתוב כאילו הרגן :

**ג בּאי** צדקה לוקחין מהם דבר מועט אבל לא **דבר** מרובה רבינא **איקלע לבי** מחוזא אתו נשי דבי מחוזא רמו קמיה כבלי ושירי קביל מ ניהו אמר **ליה** **רבה תוספאה לרבינא** והתניא גבאי צדקה מקבלים מהם דבר מועט אבל לא **דבר** מרובה א"ל **הני** לבני מחוזא **דבר** מועט נינהו :

ההוא

---

ביי זיין חבר איז גאר גלייך וויא ער הרגת אים אליין ווערט ער גאר גישטראפט פאר אים אליין אבער פאר זיינע זיהן אונ זיינע טעכטער ווערט ער גאר ניט גישטראפט. דריבער שטייט אין פסוק אז עס איז גלייך וויא ער וואלט גיהרגת זיינע זיהן אונ זיינע טעכטער אויך. אונ טאמער וועסטו זאגין דאס איז גאר אז ער גזלת ביי זיין חבר אזאך אונ ניט אים גאר ניט פאר דיא זאך. אבער אז ער בצאהלט אים פאר דיא זאך איז ניט גלייך וויא ער וואלט אים גיהרגת. שטייט אין פסוק מחמס בני יהודה. פון דיא חמס וואס יהודה האט גיטאהן. חמס הייסט אז מען נעמט אוועק אזאך ביי זיין חבר אונ מען בצאהלט אים פר דיא זאך. איז גלייך וויא זיא וואלטין פאר גאסען דיין בלוט אין זייער לאנד. אונ טאמער וועסטו זאגין דאס איז גאר אז ער אליין גזלת ביא זיין חבר מיט זיינע אייגענע הענט: ווערט ער גישטראפט גלייך וויא ער וואלט אים גיהרגת. אבער אז ער אליין האט ביי יענעם ניט גיגזלת. נאר דורך אים איז גיווארין דיא גזלה. ווערט ער ניט גישטראפט גלייך וויא ער וואלט אים גיהרגת. שטייט אין פסוק אויף שאול אונ אויף דיא בלוטיגע הויז וואס ער האט גיהרגת דיא גבעונים. וואו געפינען מיר אז שאול האט גיהרגת דיא גבעונים. נאר ווייל שאול האט גיהרגת דיא כהנים פון די שטאט נוב האט זיא פלעגין געבין וואסער אונ שפייז צוא דיא גבעונים. רעכענט דער פסוק גלייך וויא ער וואלט גיהרגת דיא גבעונים:

**ג בּאי**: דיא מענטשין וואס נעמען געלט אויף צדקה. צוא מיידען ארעמע לייט. מעגין זיא נעמען ביי ווייבער אקליינקייט אויף צדקה. אבער פיל ניט. רבינא איז אמאהל גיקומען אין מחוזא. ווען גיקומען דיא ווייבער פון מחוזא אונ האבען גיווארפען פר אים נאלדענע קייטין אונ פינגערלאך. האט רבינא אלץ צוא גינומען. האט רבה תוספאה גזאגט צוא רבינא מיר האבען דאך גילערנט די גבאים פון צדקה מעגין נאר נעמען פון ווייבער אקליינקייט אבער ניט פיל. האט רבינא גזאגט ביא דיא מענטשין פון מחוזא וואס זיא זענען רייך איז דאס אקליינקייט. אזוי יעדער אשה מעג געבין אויף צדקה אן איר מאנס וויסען. אבער נאר אקליינקייט. אונ דאס קליינקייט ווערט גירעכנט נאך איר מאנס פאר מעגין. רייך אדער ארעם:

ההוא